STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06066

IKH GLOYB NISHT ...

Zeew Edary

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וולאַדיסלאַוו באַנק

Provided by the
Library of Congress
PL 480 Program

איך גלויב נישט...

פאַרלאַג פּלפּרס, תל־אביב 1970

פון פוילישן אָריגינאַל

NIE WIERZĘ...

יידיש יצחק לודען

Copyright © by Władysław Bąk

Wydawnictwo „PALPRESS"
Tel Aviv 1970

WAYNE STATE UNIVERSITY
LIBRARIES

ס'האָט נאָך אַ טרער
זיך אָפּגעשלאָגן
אין דעם שפּיגל
מיט בלוילעך־גרינער
פּייכטקייט.
אין טרויער
זיך אַראָפּגעקייקלט —
און פֿאַרגליווערט געוואָרן
אין שווייגן.

אַנדזשעי באָנק

אַן אומגעווייִנלעכער האַרמידער האָט געהערשט אין אולפּן. עס זענען אַרויסגעהאַנגען געוואָרן טראַנספּאַ־רענטן און פּענער. ווייסע לאָזונגען אויף בלויען לייוונט האָבן גערופן צו אַ מאַסן־עליה פון דער אַקאַדעמישער יוגנט אין פּאָטערלאַנד. „יידישע יוגנט — קיין ישראל!"; אויבן, פון אונטערן דאַך, האָט אַרויסגעלויכטן אַ ווייסע טוך מיט דער אויפשריפט: „ווער איז אַ ייד?"

עס זענען אָנגעפאָרן אויטאָס פון דער סוכנות. דער דירעקטאָר פון אולפּן, אַ הויכער, דאַרער פאַרשוין, האָט זיך געטרייסלט פון כעס, זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן אויף צוריק. די מנוולים פון פּערטן שטאָק... ער האָט נישט באַוויזן. דער דירעקטאָר חובשי האָט באַ־גריסט די אָנגעקומענע. דער אלוף האָט בעתן דער־לאַנגען אים די האַנט פאַריסן אויבן־אַרויף דעם קאָפּ: אך, ממזרים! — האָט ער אויסגעשריען לאַכנדיק. זיין פרייִלעכקייט האָט זיך איבערגעגעבן די באַאַמטע, וואָס האָבן אים באַגלייט.

— זיי ציִען שוין אַראָפּ דעם פּלאַקאַט — האָט דער דירעקטאָר חובשי פאַרזיכערט אין פאַרלעגנהייט.

דער אלוף האָט גרויסמוטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ס'איז גאָרנישט, קענטיק פאַראַן וועלכער פּראָב־לעם. איך פיל, אַז די קאָנפערענץ וועט זיין אינטע־רעסאַנט...

סטודענטן פון ביידע געשלעכטער האָבן אַרומגערינ־גלט דעם אלוף. איינער אַ יונגערמאַן, באַוואָקסן לויטן שטייגער פון „טשע געוואַראַ", האָט אים געקלאַפּט אין פּלייצע און געזאָגט אויף ענגליש: „דו ביסט טאַקע אַ גענעראַל, אָבער אַן אייגענער"... דער אלוף האָט

אויסגעזען אויף קרוב צו פערציק. האָט געהערט צו דער אַנפירנדיקער קאָמאַנדע פון צה״ל בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה און האָט געגאָסן פון פאַרדינטן אוי־טאָריטעט.

דאָס פרעזידיום האָט זיך אויסגעזעצט אַרום טיש. חובשי, מיט אַ ווייסן אויסגעלייגטן קאָלנער און אַ מי־ניאַטור־מנורהלע אין דער קלאַפּע פון זיין אַנצוג, האָט דערעפנט די זיצונג.

— רבותי! איך וועל רעדן אין אַ לייכטן עברית. איך וויל, אַז אַלע באַטייליקטע זאָלן געניסן פון מיין רעדע.

„ביטע רעדן נאָרמאַל״ — האָט זיך אָפּגערופן אַ מיידל מיט גרויסע ברילן פון דער לעצטער מאָדע — מיר האָבן שוין הינטער זיך צוויי אולפּנים: איינעם אין קיבוץ און דעם אַנדערן איצט.

מען איז צוגעטראָטן צו די באַראַטונגען. נאָך דעם דירעקטאָר האָט גענומען אַ וואָרט דער אלוף. רעדנדיק האָט ער זיך געהאַלטן עטוואָס שטייף, האָט ווייניק זשעסטיקולירט, גערעדט טרוקן, זיך באַנוצט מיט קורצע זאַצן. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט פאָרגעלייענט אַ מיליטערישן טאָג־באַפעל. דער זאַל האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. איניקע האָבן נאָ־טירט די אינטערעסאַנטערע געדאַנקען. ער האָט גערופן צו אידעאַישקייט, אַפּעלירט צו באַנייען די חלוצישע טראַדיציעס. „מיר נויטיקן זיך אין אַ געבילדעטער יוגנט״. ער האָט אויסגעדריקט באַדויערן צוליב דעם, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט פאָרט צוריק נאָך אַ קורצן אויפהאַלט אין ישראל. צום מיינסטן פאַר־דריסט וואָס עס פאַרלאָזן דאָס לאַנד אַמעריקאַנער —

סיי פון צפון, סיי פון לאַטיין־אַמעריקע. ער האָט אונ־טערגעשטראָכן דעם מערקווירדיקן פאַקט, אַז די יונגע מענטשן, וואָס קומען פון מזרח־איראָפּע, אַקלימאַטי־זירן זיך גיך, זעלטן ווער פון זיי פאַרלאָזט דאָס לאַנד, פאָרט אַוועק. איז דאָך די יידישע יוגנט פון דעם אַזוי גערופענעם מערב מערער און בעסער צוגעגרייט. האָבן מיר דאָך אומעטום דאָרט צענטערס פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע און פאָרשטייערשאַפטן פון דער סוכנות.

דער מיטאָג־איבערייס האָט געדויערט קורץ. דאָס פּרעזידיום און די צוהערער האָבן פאַרנומען זייערע ערטער — ווער בעט אַ וואָרט? — האָט געפרעגט דער פאָרזיצער.

— איך.

פון דער זייט האָט זיך אויפגעשטעלט אַ יונג מיידל. זי איז געגאַנגען לייכט, נישט געקוקט דערויף וואָס דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן עטוואָס אַראָפּגעבויגן. זי איז געווען שיין און האָט געהאַט אַ „גוטע פיגור״.

דורכן זאַל איז אַדורך אַ לייכטער גערויש. ווען זי איז אַרויף אויפן פּאָדיום, האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ. די בלויע אויגן און טונקעלע ברעמען אויפן שיינעם אָפּגעברענטן פּנים האָבן הארמאניזירט מיט אירע העלע האָר, וואָס זענען געווען איינגעלייגט אין אַ לייכטן „גרעק״. זי האָט אַוועקגעלייגט פאַר זיך אַ בויגן פּאַפּיר. זי איז געווען שטאַרק אויפגערעגט. כדי צו פאַרשטעלן די פּלוצימדיקע פאַרלוירנקייט, האָט זי אויס־געצויגן די האַנט צום פלעשל קאָקאַ־קאָלאַ, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. מיט אַ ציטערנדיקער האַנט

האָט זי אָנגעגאָסן די משקה אין גלאָז, אַ שלונג געטאָן פון דער ברויזנדיקער פליסיקייט. זי האָט זיך באַהערשט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן זאַל, דערנאָך אויפן פרעזידיום. חובשי האָט פריינטלעך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, דערמוטיקנדיק זי צו רעדן.

— איך שטאַם פון אַ לאַנד מיט אַ רעזשים פון פאָלקס־דעמאָקראַטיע. טייל רופן אָן דעם דאָזיקן סיסטעם „געלענקטע דעמאָקראַטיע". זענען מיר אַלזאָ אַזוי גע־לענקט און געריכטעט געוואָרן, אַז מיר האָבן נישט קיין סך געוווסט וועגן ישראל, און בפרט וועגן ציוניזם. אָבער אויב איר מיינט, אַז איך האָב געוווסט מער וועגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, האָט איר אַ גרויסן טעות. אַלץ וואָס איך האָב איצט געהערט פון מויל פון דעם אלוף איז געווען אינטערעסאַנט, אָבער נישט אַלץ איז געווען פאַרשטענדלעך. איך מיין, אין לאָגישן זין. איר רודערט אויף, ווי מ'זאָגט, הימל און ערד. אַ סך שליחים פון די העכסטע מדינה־פירער ביז מיטלמעסיקע באַ־אַמטע לאָזן זיך אַרויס צו דעראָבערן דעם גלות. איר שטרעבט צו פאַרגרעסערן די עליה. איר זוכט פאַרמעגן און מיטלען — זייער גוט. איר זאָגט, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס לעבן איבער אַ קריזיס. די אַבסאָלוטע מערהייט מיטגלידער פון דער דאָזיקער באַוועגונג זענען נישט עולה. זייט מיר מוחל, אפשר זאָג איך נישט אַרויס גענוג קלאָר מיינע געדאַנקען. קיין וווּנדער, עס איז דאָך קיין ספק נישט, אַז איך בין ווייניק באַהאַוונט אין די דאָזיקע פאַרוויקלטע פּראָבלעמען. ציוניסטן, לינקע, רעכטע און צענטרום. און פון די פון צענטער, פון די רעכטע און לינקע ריכטונגען, טיילן זיך אויס

גרופּן און גרופּירונגען. יעדער איינער ליגט־פאַר זיינע מעטאָדן און מיטלען. איך וועל נישט זאָגן אַזוי ווי אַנדערע, אַז יעדער איינער האָט זיך זיין קרעמל און אַז יעדער קאָנקורירט מיטן אַנדערן. מען דאַרף דאָך אָנערקענען, אַז די אַלע צוזאַמען, איינער מער און די אַנדערע ווייניקער, האָבן בייגעטראָגן צום בוי פון דער מדינה, צו דער וואונדערבאַרער לאַנדווירטשאַפט, צו דער פּראָספּערירנדיקער עקאָנאָמיק פון דעם לאַנד און צום בוי פון דעם געזעלשאַפטלעכן, סאָציאַליסטישן סעקטאָר.

דאָס מיידל האָט אויפגעהערט צו רעדן. נאָך אַ ווײַלע האָט זי, זיך ווענדנדיק צום פּרעזידיום, געזאָגט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע, פון וועלכער עס האָט זיך אַרויסגעפילט אַ וואַקלדיקייט און אומזיכערקייט:

— איך וואָלט אפשר ריזיקירט און אַוועקגעשטעלט די היפּאָטעזע, אַז אין ישראל האָט מען געשאַפן פאַרמען פון צוזאַמענלעבן און פון סאָציאַליסטישער, קאָמונאַלער ווירטשאַפט, אפשר די סאַמע פּערפעקטע, די סאַמע שלימותדיקסטע אויף דער וועלט. איך שטאַם פון אַ לאַנד וווּ מען בויט דעם סאָציאַליזם. איך האָב איצטער די מעגלעכקייט פאַר קאָנפראָנטאַציע. און דאָך זענען אויך אויף דעם דאָזיקן דעמאָקראַטישן באָדן פאַראַן טונקעלע פלעקן, וואָס דערמאָנען דעם ניוואָ פון אַ סאָוד־אַראַביע.

עס איז געוואָרן אַ טומל. עמעץ האָט אַ געשריי געטאָן:

— דו טרייבסט איבער!

— איך וויל דערציילן וועגן מיינע אייגענע איבער־לעבונגען און ראַנגלענישן אין שייכות מיט מיין קומען קיין ישראל. דערלויבט אַז איך וועל אָנהייבן פון דעם פאַרלעצטן קלאַס פון דער מיטלשול אין יאָר 1967 —

אין יאָר פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. ציוניזם, יש־ראל, יידן — דאָס אַלץ האָט זיך אַריינגעריסן אינגאַנצן אומגעריכט אין מיין לעבן; אין אַ לעבן, אין וועלכן די גרעסטע איבערלעבונג האָט געקאָנט זיין אַן אויס־פלוג פון עטלעכע טעג מיט מיינע עלטערן, אַ פאַר־ווײלונג אין שול א.ד.גל. אַ געוויסן טאָג האָבן מיר — איך און מיין בחור — באַמערקט, אַז זיינע עלטערן קערן זיך אָפּ פון אונדז. מיר פלעגן שטענדיק אויסמיידן, ווי פייער, דאָס בשותפותדיקע פאַרברענגען מיט זיי די צייט. בפרט ווען עס פלעגן קומען געסט. מיר פלעגן זיך אַרויסדרייען מיט אַלע תירוצים. ביז מיר האָבן פּלוצים באַמערקט צוגעשפּאַרטע טירן, שטורמישע דיסקוסיעס, צעפלאַמטע פּנימער. מיר זענען געוואָרן נייגעריק. וואָס קומט דאָ פאָר? מיר האָבן זיך צוגערוקט צום אנגע־שטעלטן טיש. „קינדער, איר האָט אייער אָוונט־עסן ביים טעלעוויזאָר" — האָט מען אונדז געזאָגט. „מיר האָבן אַ פרייע מינוט" — האָט מיין מיכאל זיך אָפּגערופן — „מיר ווילן אַביסל פאַרברענגען די צייט מיט אייך און מיט די געסט".

איך בין געשטאַנען פון הינטן, באַשיידן פאַרלייגט איין האַנט אויף דער אַנדערער, און געוואַרט. דער צע־רודערטער בליק פון מיכאלס מוטער האָט באַשטע־טיקט, אַז מיר האָבן אַריינגעטראָפן אין פינטל אַריין. „מיר וועלן רעדן, ווי געוויינלעך, וועגן פּאָליטיק, און איך אינטערעסירט עס דאָך נישט". „אפשר טאַקע אינטערעסירט עס נישט, אָבער פאַרן פאַרענדיקן די שולע דאַרפן מיר זיך אַביסל באַקענען מיט געזעלשאַפט־לעכע פּראָבלעמען".

עס איז געבליבן ביי דעם, אַז מען האָט צוגעשטעלט צוויי טישלעך. מיר זענען געזעסן כלומרשט פאַרנומען מיט זיך, אָבער די אויערן זענען געווען ביי אונדז אָנגעשפּיצט. פון דעם געשפּרעך וואָס איז אַנגעגאַנגען, האָבן מיר נישט אַלץ פאַרשטאַנען. מיר האָבן זיך באַמיט צו פאַרגעדענקען געוויסע פראַגמענטן פון די שמועסן. ווען די געסט זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָבן מיר אויף גיך געמאַכט פון זכרון אַ רשימה פון ווערטער און זאַצן. אויף צומאָרגנס האָבן מיר אַנגעהויבן זוכן אין די ענציקלאָפּעדיעס. מיר האָבן געזוכט פּאַלעסטינע און ישראל, מצרים, יאָרדאַניע און סיריע, די פראַזע „ציוניזם", די דעפיניציע פון „נאַציע". מיר האָבן געוואָלט זיך צוהערן צו אויסלענדישע ראַדיאָ־סטאַציעס. די עלטערן האָבן אונדז געמאַכט שוועריקייטן. איך האָב פאַרוואָרפן מיין פאָטער מיט פראַגן. ער פלעגט מיר ענטפערן מיט אַ האַלבן מויל, פלעגט זיך אַרויסדרייען, אַז ער איז אומפּאַרטייאיש. דער גאַנצער דרוק פון אונדזער זייט איז אַלזאָ געגאַנגען אויף מיכאלס עלטערן. זיי האָבן פון לאַנגע צייטן געהערט צו דער פּאַרטיי, און דערצו נאָך זענען זיי יידן. מיכאלס פאָטער איז מיט אַ יאָר צוריק געווען אויף אַ באַזוך אין ישראל — ער דאַרף וויסן. מיר האָבן געפילט, אַז די „אַלטע" לעבן עפּעס איבער און זיי באַהאַלטן אויס פון אונדז. עס זענען פאַרבייגעגאַנגען טעג. אַלץ אָפטער האָבן מיר געזען נאַצערן אויפן עקראַן פון דער טעלעוויזיע. לעצטנס האָט ער זיך פאָטאָגראַפירט מיט לופט־פּליער. פון די צייטונגס־שפּאַלטן האָט אַראָפּגעקוקט זיין מאַסיוו אַרויס־שטייענדיקע גאָמבע. מיר האָבן געפילט צו אים אַן אַלטע

אַנטיפּאַטיע צוליב די רדיפות קעגן קאָמוניסטן און צוליב די ספּעציאַליסטן פון דער עס.עס., וועלכע האָבן ביי אים מאַסנווייז געגעסטעט. מיר האָבן זיך דערוווּסט פון דער פּרעסע, אַז נאַצער האָט פּראָקלאַמירט דאָס שליסן דעם טיראַן־דורכגוס. דאַן האָבן מיר זיך ווידער אָנגעזעצט אויף אונדזערע עלטערן, אויף די לערער, און מיר האָבן געפרעגט: וואָס איז די דעפיניציע פון אַגרעסיע, וואָס הייסט דאָס, אַז „די עקזיסטענץ פון ישראל איז פאַר זיך אַליין אַן אַגרעסיע"? די לעקציעס פון ביר־גער־דערציאונג פלעגן דורכגיין ביי מיר אין קלאַס זייער שטורמיש. דאָס זעלבע ביי מיכאלן. צום מייגסטן פלעגט אונדז פאַרשאַפן הנאה דאָס וואָס אונדזערע בעל־פערס האָבן נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. מיר האָבן זיך געפילט העכער פון זיי: מיר האָבן שוין וואָס נישט איז געוווּסט לויט דעם, וואָס מיר האָבן געהערט פון די עלטערן, פון די ראַדיאָ־סטאַציעס פון מערב־אייראָפּע, פון בי.בי.סי.

אַ טייל פון אונדז האָבן זיך צוגעקראָגן צו די געהיימע ביולעטינען. געלייענט האָבן זיי אויסשליסלעך מענטשן אויף הויכע אַמטן. און צווישן אונדז זענען אויך געווען זייערע קינדער. ווען עס איז אויסגעבראָכן דער ענין מיט דער אַקאַבאַ־בוכטע — האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די טעמפּעראַטור האָט דערגרייכט דעם הויכפּונקט. די פּרעסע, דער ראַדיאָ און די טעלעוויזיע האָבן מיט די פאַרשידנסטע מיטלען באַאַרבעט דעם עולם. זיי האָבן דאָס געמאַכט, וואָס אַן אמת אויף אַ דעליקאַטן אופן, מיט זיידענע הענטשקעס, אָבער די טראָפּנס גיפט האָבן געטריפט סיסטעמאַטיש און האָבן געטאָן זייערס. אייג־

מאָל בין איך איבעראַשט געוואָרן, און נישט נאָר איך. מען האָט אונדז געוויזן עגיפּטישע פּליערס. אַנגעטאָן אין די פּליער־קאָמבינעזאָנען, זענען זיי געשטאַנען שמייכלענדיקע, זעלבסטזיכערע ביי זייערע עראָפּלאַנען. פּלוצים האָט מען געוויזן דאָס ישראלדיקע מיליטער. יונגע אויסגעדאַרטע בחורים, מיט יאַרמולקעס אויף די קעפּ, און מיט לאַנגע פּאות וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען פון די זייטן, האָבן זיי אומגעלומפּערט געהאַלטן אין די הענט די ביקסן פון מוזעאַלן ווערט. מיכאלס מאַמע האָט אויסגעשריען אַ צערייצטע: וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרמיי! אַ סוף מיט ישראל. מיכאלס פאָטער איז אַריינ־געפאַלן אין אַ צאָרן. עס הויבט זיך אָן — האָט ער געשריען — די סצענעס פאַרן המון, פון דער סעריע „יוינע נאַ וואָינע”. מיר זענען צוגעשטאַנען צו אים. ער האָט אונדז דערציילט וועגן דער ישראלדיקער אַרמיי. בייזייענדיק די לופט־פּאַראַדן האָט ער אָבסערווירט ווי עס זענען געשפּרונגען די פּאַראַשוטיסטן. מיכאלס פאָ־טער האָט זיך פאַרשטאַנען אויפן דאָזיקן פאַך. ער האָט מיטן סטאָפּער אין דער האַנט אָבסערווירט די שפּרונגען — פון יחידים און פון גרופּן. עס האָט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. איינמאָל האָט מען אים איינגעלאַדן אויפן שיס־פעלד. ער האָט נאָטירט די געשווינדקייט און די טרעפלעכקייט פון די אָפּגעגעבענע שאָסן. ער איז געווען איבעראַשט פון דער עפעקטיווקייט פון די זעלנער, וואָס האָט איבערגעשטיגן די באַקאַנטע פאַר אים נאָרמעס. דעם שווער מיינעם האָט מען געקענט גלויבן. ער האָט אַדורכגעמאַכט די שווערע קריגס־שול. האָט לאַנגע יאָרן געדינט אויף פאַראַנטוואָרטלעכע

אַמטן, געקעמפט, מיט קליינע איבערייסן, אַ שיינע פּאָר יאָר. עס איז אונדז אַ שאָד געווען אויף ישראל. אַ קליין מוטיק פאָלק אויף אַ מיני־טעריטאָריע. ער האָט אונדז דערציילט, אַז מיט עטלעכע טעג פריער האָט ער געהאַט אַ דיסקוסיע אין דער רעדאַקציע פון „זשאָלניעזש פּאָלסקי”. די רעדאַקטאָרן און קאָרעספּאָנדענטן האָבן געוואָלט הערן פון אים, ווי אַזוי ער זעט די שאַנסן פון ביידע צדדים. די זשורנאַליסטן האָבן געמאַכט אַ חשבון פון דעם געווער, די בריגאַדעס, דיוויזיעס, דאָס הינ־טערלאַנד. ישראל איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. אויפן צענטראַלן אָפּשניט אַ שמאָל העלדזל. אַ קורצער מאַסיווער קלאַפּ און די אַראַבער וועלן צוקומען צום ים. ישראל וועט ווערן צעטיילט אויף צוויי און אויך טיילנ־וויַיז ליקווידירט. די לאַגע איז האָפענונגסלאָז — האָבן זיי געפסקנט. נאַצער טריומפירט שוין. די אַראַבישע אַרמייען זענען שוין צוגעשטאַנען האַרט צו די גרענעצן פון ישראל. דאָס אַרויסציען די אונ״אָ־כוחות זאָגט שוין עדות, אַז די וועלט וועט נישט רירן מיטן קליינעם פינגער צו פאַרטיידיקן די יידן. אין בעסטן פאַל וועלן זיי לאָזן אין גאַנג די סאַניטאַרע הילף, וועלן באַלייגן קאָנדאָלענצן און אויסדריקן טיפן מיטגעפיל...

מיכאלס פאָטער האָט צוגעשטימט, אַז די אַרגומענטן זענען וואָגיקע און אַז די לאַגע איז זייער אַ געפערלעכע.

— ישראל האָט אפילו נישט קיין עפעקטיוון קריגס־פלאָט, וואָס זאָל קענען פאַראַליזירן די ים־קאָמוניקאַציע פון די אַראַבישע לענדער. נאָכמער, זי האָט אפילו נישט קיין גענוג גרויסן האַנדלס־פלאָט, וואָס זאָל קענען ווירק־זאַם עוואַקואירן די פרויען און קינדער — האָט צוגע־

געבן מיכאלס פּאָטער.

— נו, נו, — האָבן זיי אויסגערופן אין אַ כאָר.

— פון דעם דרינגט אַרויס, אַז זיי וועלן קעמפן פאַר־ביסן, ביז צום לעצטן. זיי האָבן נישט קיין אַנדער אויס־וועג. די זעלנער און די זעלנערינס מאַכן טאַקע דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געווען נישט מער ווי סקויטן, אָבער זייער אויסבילדונג און די הויכע קוואַליפיקאַציעס פאַרוואַנדלען זיי אין אַ גרויסן מאָראַלישן און מאַטער־יעלן כוח — וואָס עס פעלט די אַראַבער. נאָצערס נצחון איבער ישראל — דאָס איז פאַרן ראַטנפאַרבאַנד נישט קיין קליינע דעראָבערונג. דער גאַנצער אַראַבישער האַלב־אינדזל וואָלט געשטאַנען אָפן פאַר זיי.

— טאַקע, טאַקע. די מיליטערישע סטראַטעגיע, די דאָזיקע עלעמענטן נעמט אין באַטראַכט — האָט אויס־געפון דער שעף־רעדאַקטאָר, פולקאָוניק קאָזשע־ניעצקי.

— וואַרט אַ ווײַלע — מיכאלס פאָטער האָט זיך ווי־דער דערפילט אין דער ראָל פון דעם וויסנשאַפטלעכן דירעקטאָר אין דער אָפיצירן־שול, ווו קאָזשעניעצקי האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט. — איך האָב נישט פאַרענדיקט מיין געדאַנק. קעגן דער באַהערשונג פון דעם אַראַבישן האַלב־אינדזל דורכן ראַטנפאַרבאַנד קענען אַרויסטרעטן די פאַראייניקטע שטאַטן, בריטאַניע און אפילו פראַנקרייך. נישט אין שוץ פון ישראל, נאָר אין נאָמען פון זייערע אייגענע אימפּעריאַליסטישע אינטע־רעסן. ישראל איז אַנטשטאַנען און עקזיסטירט אין אַ גרויסער מאָס אויפן יסוד פון די קעגנזאַצן צווישן די גרויסמאַכטן...

דעם פינפטן יוני איז אויסגעבראָכן די ישראל־אַראַ־בישע מלחמה. מיר האָבן קוים געקענט איינזיצן אויף די לעקציעס. מיכאל האָט מיך אָפּגעוואָרט פאַר דער שול. עס האָבן זיך באַוויזן עקסטרע אויסגאַבעס. די אַראַבער האָבן אָפּגעהאַלטן איין נצחון נאָכן אַנדערן. דער הימל פון ישראל איז באַהערשט געוואָרן דורכן אַראַבישן לופט־פלאָט. די סירישע אַרמייען מאַרשירן אויף נצרת. תל־אביב ברענט. די שטימונג איז נישט געווען קיין פריילעכע. אַ שאָד די יידן — האָט מען געזאָגט. מיר זענען אוועק צו דער עגיפּטישער אַמבאַ־סאַדע. מאַסן מענטשן. די מצרים לאַכן אויפן קול. אַ סוף מיט ישראל — שרייט איינער פון באַלקאָן אַראָפּ. קיינער רעאַגירט נישט. פּלוצים קומט עמעץ צו לויפן אַ פאַר־סאָפּעטער: — אַ ליפּע, אַ ליפּע, אַ בלאָף — שרייט ער הויך. — ישראל פאַרטיידיקט זיך. איך האָב געהערט דורכן ראַדיאָ.

— צו דער ישראל־אַמבאַסאַדע! — האָט זיך דערהערט אַ געשריי. — צו דער אַמבאַסאַדע!

די מאַסע האָט זיך איין געלויף אַ לאָז געטאָן פאָרויס. מיר האָבן געכאַפּט דעם נומער פינף. דער טראַמוואַי איז געווען באַהאָנגען פון אַלע זייטן. ביי דער אַמבאַ־סאַדע איז געווען אַ צונויפלויף; די ידיעות זענען סתירותדיקע. איינִיקע זאָגן, אַז עגיפּטן זיגט. די אַנדערע — אַז נישט. פאַרן בנין פון דער אַמבאַסאַדע שטייט מיליץ. עס גייט אַרויס אַ באַאַמטער און הענגט אַריין אַ בלעטל אין דער מעלדונגס־וויטרינע. אַלע וואַרפן זיך מיט נייגער פאָרויס. „וואָס הערט זיך, וואָס הערט זיך?"

„אין ישראל איז נישטאָ קיין פּאַניק. אונדזערע כּוחות קעמפן אויסער די גרענעצן. — לייענט ווער אויפן קול. די מאַסע טרעט נישט אָפּ. איך און מיכאל גייען אַהיים. די נערוון האַלטן אָבער נישט אויס אויפן וועג. מיר שטייגן אַראָפּ ביים פּלאַץ־זבאַוויטשעלא און מיר לאָזן זיך לויפן צו די עגיפּטער. די מאַסע איז דאָ שטאַרק אויסגעוואַקסן, קיין אַנגעשטעלטע פון דער אַמבאַסאַדע זעט מען נישט. די מענטשן זענען אומגעדולדיק, איינער אַ הויכער יונגערמאַן רייסט זיך אַריין אין טרעפּן־קאָרידאָר. אַ מיליציאָנער שלעפּט אים אַריין אין דער קאַרעטקע. מען לאָזט אים אָפּ נאָכן אויסלעגיטימירן. ער האָט זיך געוואָלט דערוויסן דעם אמת. „איך האָב משפּחה אין ישראל״. די מצרים האָבן אַרויסגעהאָנגען אַ מעלדונג: „היינט וועלן מער קיין ידיעות נישט זיין״.

אויפן וועג אַהיים טרעפן מיר אָן אויף באַקאַנטע, זיי זענען געווען אין די רעדאַקציעס. „זיי האָבן אָפּיציעלע ידיעות, אַז ישראל האָט געליטן שווערע פאַרלוסטן. מאָרגן וועט ווערן קלאָרער. איבעריקנס, עס איז אַ מלחמה, מ׳קען גאָרנישט פאָרויסזען״ — האָבן זיי געזאָגט.

מיר זעצן זיך צו צום ראַדיאָ. מ׳זוכט אַ סטאַציע. איך פאַרשטיי פראַנצויזיש, מיכאל אַביסל אויף ענגליש. ער הערט און הערט, אָבער ווייניק וואָס פאַרשטייט ער.

עס פאַלט אַריין מאַריאַן, און נאָך אים האַנעטשקא, מיכאַלס שוואָגער און די שוועסטער. האַנעטשקא פאַרשטייט אויסגעצייכנט ענגליש, און אָט זענען די ערשטע נייעס: „דער ישראלדיקער לופט־פלאָט האָט דערפאָלגרייך באָמבאַרדירט די פלי־פעלדער אין ביר גאַפגאַפאַ, ביר טהאַמאַדאַ, אַבו סוויר, אַל עריש, מערב־

קאיר און נאָך אַנדערע אָרטשאַפטן. תל אביב און חיפה זענען באָמבאַרדירט געוואָרן״.

אויף צו מאָרגנס אינדערפרי, איידער איך בין אַוועק אין שול, האָט אונדזער ראַדיאָ איבערגעגעבן, אַז דער סירישער לופט־פלאָט האָט באָמבאַרדירט חיפה. צום ערשטן מאָל האָבן די צייטונגען געשריבן וועגן שווערע אבידות פוןביידע צדדים. די ישראלדיקע קאָמוניקאַטן זענען איבערהויפט נישט איבערגעגעבן געוואָרן. אין דער שול האָט זיך געקאָכט ווי אין אַ קעסל. אַלע האָבן געלייענט די צייטונגען. די וואָס האָבן זיך קיינמאָל מיט קיין פּאָליטיק נישט אינטערעסירט, האָבן צום מערסטן געשריען. די לערערס זענען פאַרוואָרפן געוואָרן מיט פראַגן. פאַרוואָס גיט מען נישט איבער אויך די ישׂ־ראלדיקע קאָמוניקאַטן? אונדזער דערציערין האָט באַ־מערקט, אַז די גערעכטיקייט וועט זיגן. דאָס הייסט — ווער? איר דאַרפט זיך אַליין דערטראַכטן. זי האָט זיך בפירוש באַמיט אַרויסצודרייען, האָט אויסגעמיטן צו ענטפערן. מיר האָבן געוווּסט אין וואָס עס גייט. איר דאַרפט זיך אַליין דערטראַכטן. מיר האָבן נישט מורא געהאַט. מיר האָבן פּראָוואָצירט צו אַ דיסקוסיע.

אינאָוונט זיצן מיר ביים ראַדיאָ. אויף דער טעלע־וויזיע קוקן מיר נישט. עס זענען שוין באַקאַנט די קאָמו־ניקאַטן און די קאָמענטאַרן אונטערן דיקטאַט פון מאָסקווע. מיר דרייען די רעגוליר־קנעפּלעך, טאָמער וועלן מיר עפּעס אויפכאַפּן. פּלוצים בלייבן מיר זיצן פאַרגאַפט. אויסלאַנד גיט איבער, אַז דער עגיפּטישער לופט־פלאָט עקזיסטירט שוין כמעט נישט. אַ צעשמע־טערנדיקע מפּלה.

— אָבער דאָס הייסט! אַזעלכע באַרימער, — האָט אויסגעשריען מאַריאַן. — און אַזוי אַריינצוכאַפּן!...

מאַריאַן איז אַ טאַנקיסט, אַ פּאַדפּאָרוטשניק אין רעזערוו. עס אינטערעסירן אים שלאַכטן פון טאַנקן, ער קען זיך נישט דערוואַרטן די אינטערעסאַנטע באַשרייבונגען. די ידיעות זענען קאַרגע. מיר נאָטירן עפּעס אַזעלכע עקזאָטישע נעמען, כאַן יונעס, רפיח, אל עריש, דזשעבעל ליבנע און אַבו אַגעילא — די ישראלדיקע בריגאַדעס און באַטאַליאָנען שפּאַרן פאָרויס. באַשיא האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעריסן איר בליק פון דעם טעקסט און געזאָגט: „איצט זאָג איך ריכטיק אַרויס די נעמען פון די פאַרשידענע אָרטשאַפטן, פריער האָבן מיר זיי אומברחמנותדיק פאַרדרייט. מיר האָבן זיך גוט געבראַכן די ציינער".

— באַרים זיך נישט, ביסט נישט די איינציקע, מיר אויך. — האָט מען איר אָפּגעענטפערט פון אַלע זייטן.

נאָכן אויסהערן די ידיעות האָבן מיר זיך געוואָרפן אויף די אַטלאַסן, מאַפּעס, ענציקלאָפּעדיעס. קיין ישראלדיקע מאַפּע האָט מען פאַר קיין שום אוצר נישט געקאָנט באַקומען. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיכאלס פאָטער האָט אַ מאַפּע, אָבער ער איז אַרויסגעפאָרן אויף אַן אויספלוג און ער דאַרף זיך צוריקקערן ערשט דעם 10־טן יוני.

— מיר וועלן באַווייזן — זאָגט האַנעטשקאַ — די מלחמה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, און זי וועט דויערן געננוג לאַנג.

אינאָוונט האָבן מיר אויפגעכאַפּט בי.בי.סי.: יאַרדאַניע האָט באָמבאַרדירט תל־אביב. מיכאלס מוטער

איז שטאַרק פֿאַרזאָרגט, אין תל־אביב האָט זי קרובים. אונדזער ראַדיאָ גיט איבער, אַז עס זענען אַראָפּגעשאָסן געוואָרן איבערן קאַנאַל 23 ישראלדיקע עראָפּלאַנען. אַלע פּאַראַשוטיסטן זענען אויסגעשאָסן געוואָרן ביז איינעם אין דער טיף פֿון סיני. מיטוואָך האָבן אין דער פּרעסע נאָך געדויערט די נצחונות פֿון די אַראַבער. דאַקעגן האָט אויסלאַנד איבערגעגעבן, אַז ישראל האָט באַהערשט דעם הימל אויף אַלע פֿראָנטן. די ירושלימער אַלט־שטאָט איז נאָך פֿאַרביטערטע שלאַכטן איינגענו־מען געוואָרן דורך אָפּטיילונגען פֿון דער ישראלדיקער אַרמיי. דאָנערשטיק האָט זיך באַוויזן אַ נאָטיץ אין דער פּרעסע, אַז ישראל וואַרפֿט אָפּ די פֿאָרשלאָגן פֿון זיכער־הייטס־ראָט וועגן אַ פֿייער־איבעררייס, בעת מצרים איז מסכים. סיריע איז נישט איינגעגאַנגען אויף קיין פֿייער־איבעררייס. די מלחמה דויערט. דורכן אויסלענדישן ראַדיאָ קומען אָן סתירותדיקע ידיעות. אונדזער פּרעסע אינפֿאָרמירט, אַז די סיריער דערנענטערן זיך צו נצרת. אויסלאַנד גיט איבער דאַקעגן, אַז די סיריער ליידן שווערע פֿאַרלוסטן און אַז די שלאַכטן פֿירן זיך אויסער דעם שטח פֿון ישראל.

שבת אינאָוונט מעלדעט ראַדיאָ וואַרשע, אַז סיריע איז מסכים אויף אַ פֿייער־איבעררייס.

מאַריאַן געפֿינט נישט קיין רו, קיין באַפֿרידיקונג. קאַרגע ידיעות וועגן די פֿאַנצער־שלאַכטן. עס איז נאָר באַוווּסט, אַז פֿאַנצער־איינהייטן האָבן דערגרייכט צום סועץ־קאַנאַל און געפֿינען זיך אויך נישט ווייט פֿון דמשק.

וואַרשע איז אַרויס פֿון די כלים, און אַזאַ שטימונג

הערשט קענטיק אין גאַנצן לאַנד. אַ סך מענטשן שרייבן בריוו, פּאָסט־קאַרטלעך, ברענגען אָדער שיקן בלומען אין דער ישראלדיקער אַמבאַסאַדע. די פּרעסע האָט גע־ביטן דעם פראָנט. ישראל פאַרשפּילט שוין נישט — זי אָקופּירט. די יידישע אַרמיי צעטרעט מיט די פיס די האַגער קאָנוועניק. גרויל־באַשרייבונגען פילן אויס די שפּאַלטן פון די צייטונגען. געפאַנגענע שטאַרבן אויס פון הונגער און פון דורשט. די פּרעסע, דער ראַדיאָ און די טעלעוויזיע באַווייזן פאַרוואונדעטע אין די שפּי־טעלער, אָבער אויסשליסלעך אַראַבער. די ציוניסטן דערלויבן נישט צו דערטיילן קיין הילף די דורשטיקע און קראַנקע. די עראָפּלאַנען פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ ווערן באַשאָסן דורך די איזראַעלטשיקעס. אַלץ אָפטער הערט מען און מען לייענט אַנשטאָט „ישראל" דאָס וואָרט „ציוניזם".

מיכאלס פאָטער האָט זיך צוריקגעקערט פון ראַטנ־פאַרבאַנד דעם 10־טן יוני — נאָך דער מלחמה. ער איז אָבער אויסטערליש קאַרג אין ווערטער, נישט גערן לאָזט ער זיך אַריינציען אין די שמועסן. ער עצהט צו לייענען צווישן די שורות און צו האַלטן די געדאַנקען און ספקות אין זיך. — עס האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע העצע. איך וואָרן אייך...

מאַריאַן איז אַלץ אומגעדולדיק, ער וויל וויסן אַ סך מער וועגן די שלאַכטן, און די פּרעסע איז אויף דער דאָזיקער טעמע אַנטשוויגן געוואָרן. די אָפיצירן פון אַקטיוון דינסט אינטערעסירן זיך מיט דער טאַקטיק פון צה"ל. די אויסלענדישע צייטונגען ווערן פאַנאַנדער־געכאַפּט. אין מיליטער קאָכט זיך, באַזונדערס אין דער

אוויאַציע. עס איז באַזייטיקט געוואָרן דער קאָמאַנדיר פון דער יעגער־אַוויאַציע, ווי אויך זיין פאַרטרעטער און דער שעף פון שטאַב. מען זאָגט אַז זיי האָבן געוואָלט אַנאַליזירן דעם פאַרלויף פון די לופט־אָפּעראַציעס אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. עפּעס האָבן מיר וועגן דעם געהערט. מיכאל האָט זיך אויסגעספּעציאַליזירט אין דערגרייכן די סאַמע פרישסטע ידיעות. די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג אין שטאַב פון דער אַוויאַציע־אַרמיי איז קענטיק געווען זייער אַ שטורמישע. בעת דער אַרייַנגאַנגס־קאָנטראָל האָט מען געפרעגט דעם פאָרשטייער פון צ.ק. צי ער איז אַ ייִד. מען האָט אויך אַטאַקירט דעם צענטראַל־קאָמיטעט הלמאי דער ייִד ספּיכאַלסקי איז ווייטער דער מיניסטער פון פאַרטיידיקונג און דער מאַרשאַל פון פּוילן. דער פּילאָט פּאָדפּולקאָווניק אָס־טראָווסקי איז געהאַלטן געוואָרן פיר טעג אין אַרעסט. מען האָט אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער האָט אומגעלומפּערט און שוואַך פאַרטיידיקט דעם מאַרשאַל. אַנשטאָט קלאָר צו דערקלערן, אַז ער איז נישט קיין ייִד, האָט ער גאָר מעדיטירט וועגן מאַרקסיזם. ער האָט אים פאַרטיידיקט פון דעם שטאַנדפּונקט פון גלייכהייט און גלייכבאַרעכטיקונג, האָט אַטאַקירט דעם ראַסיזם און דעם אַנטי־סעמיטיזם. פּאָדפּולקאָווניק אָסטראָווסקי איז באַפרייט געוואָרן פון אַרעסט. אַהיימקומענדיק האָט ער זיך אָפּגעראַזירט, און נאָכן אָנשרייבן אַן אויפקלערונגס־בריוו איז ער אַריין אין שלאָף־צימער, האָט ארויסגענומען זיין שטוצער־ביקס, אָנגעלאָדן זי מיט קוילן און זיך אַריינגעשאָסן אין אָפּענעם מויל אַריין. מיכאל האָט אין שופלאַד פון זיין פאָטער געפונען אַ העקטאָ־

גראַפירטן אפשריפט פון דעם בריוו פון אָסטראָווסקיס פרוי צו גאַמולקאַן. מיר האָבן אויך באַקוקט די בייגע־לייגטע פאָטאָגראַפיע. צוזאַמען מיט מיכאלן האָבן מיר געפילט, אַז עס קומט פאַר עפּעס אויסטערלישעס אין לאַנד, אַז עס וואַקסט אָן עפּעס שרעקלעכס. מיר האָבן באַשלאָסן קיינעם נישט צו זאָגן, מיר האָבן מורא געהאַט פאַרן טאַטנס גורל.

אַ געוויסן טאָג האָט געפּלאַצט די באָמבע. גאַמולקאַ האָט געהאַלטן אַ רעדע. עס זענען געפאַלן די ווערטער „ציוניזם", פינפטע קאָלאָנע, יידן — אָפיציעל, אויפן קאָנגרעס פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען. עס איז געוואָרן אומרואיק, באַזונדערס צווישן די יידן. איך האָב נישט זייער געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס אַ פינפטע קאָלאָנע. וועגן ציוניזם זענען שוין געווען וועלכע עס איז „אויפקלערנדיקע" באַמערקונגען אין דער פּרעסע. זיי האָבן נישט געמאַכט אויף אונדז קיין באַזונדערן איינ־דרוק. „אַ נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג, וואָס האָט אָרגאַ־ניזירט דעם צוריקקער פון די יידן קיין ישראל, אָרגאַ־ניזירט די מדינה ישראל". איך האָב געהאַט דעם איינ־דרוק, אַז דאָס איז נישט געווען פאַר קיינעם קיין נייעס. די יידישע מדינה איז אַנטשטאַנען ביי דער מיטבאַטיי־ליקונג פון די סאָציאַליסטישע לענדער. פאַרוואָס אַלזאָ אַזאַ טומל?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, לויט די רייד פון גאַמולקאַ, אַז אין לאַנד זענען פאַראַן יידן, וואָס טרינקען פאַרן דערפאָלג פון ישראל. די וואָס זענען נישט מסכים מיט דער שטעלונג פון דער רעגירונג, אַז ישראל איז אַן אַגרעסאָר, זענען ציוניסטן.

אין קלאַס האָט זיך גערודערט. מען האָט גערעדט וועגן פּראָצעסן און וועגן אַ פֿאַרשווערונג. מיר האָבן געוווּסט, אַז אין לאַנד זענען טעטיק דריי לעגאַלע אָפּיציעלע פּאַרטייען. מיטאַמאָל האָט זיך אָפּגעפּונען עפּעס אַ ציוניסטישע פּאַרטיי — אַ פֿינפֿטע קאָלאָנע. מיר האָבן אָנגענומען, אַז דאָס איז ווידער אַן אויפגעבלאָזענער, הוילער שקר.

עס זענען פֿאָרגעקומען פּאַרטייאישע פֿאַרזאַמלונגען. נישט אַלץ איז אונדז קלאָר. דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט אויסדרוקן פֿון קעגנערשאַפֿט. צוויי רעפֿערענטינס אין דער הויכער פּאַרטיי־שול זענען אַרויסגעטראָטן באַשולדיקנדיק גאָמולקען אין אַנטיסעמיטיזם, אין דעם אַז ער שטרעבט מיט דער הילף פֿון שאַנטאַזש און טעראָר צו דערשטיקן די סימפּאַטיעס פֿאַר ישראל. עס האָט זיך געטומלט אין די פֿאַבריקן, אין די ביוראָען, צווישן די סטודענטן און ליטעראַטן.

מיטאַמאָל זענען אַריינגעקומען אין אונדזער קלאַס צוויי שילער. זיי זאַמלען אונטערשריפֿטן אונטער אַ פּראָטעסט קעגן דער אַגרעסיע פֿון ישראל. די לערערין האָט געוואָלט פּראָטעסטירן, אָבער אין דער אָפֿענער טיר איז געשטאַנען דער דירעקטאָר פֿון אונדזער ליצעאום. זי האָט פֿאַרשטאַנען. צוויי שילערינס האָבן אונטערגעשריבן, די רעשט האָבן אָפּגעזאָגט. דער דירעקטאָר איז צוגעקומען צו איינעם פֿון די שילער און געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער שרייבט נישט אונטער. אפֿשר האָט ער שלעכט איבערגעלייענט? — איך האָב גוט געלייענט, אָבער דער אינהאַלט אַנטשפּרעכט מיר נישט, איז געפֿאַלן אַן ענטפֿער. דעם שילער האָט מען אַהיימגעשיקט, ער

זאָל ברענגען דעם פּאָטער. קיין שום אַפּעלירונגען האָבן נישט געהאָלפן, קיינער האָט נישט געוואָלט זיך אָנ־גאַזשירן. דער פּאָטער פון דעם שילער, אַ סיים־דעפּו־טאַט, האָט אין דער זעלבער צייט געהאַט אַ צוזאַמענ־טרעף מיט ווילער אויף דער פּראָווינץ. מיר האָבן געוווסט אַז עס וועט זיין אַ סקאַנדאַל. צומאָרגנס איז געקומען דער פּאָטער פון דעם שילער צום דירעקטאָר, האָט אים אויסגעהערט און געענטפערט רואיק, מיט אַ גרויסער סאַטיספאַקציע אין זיין שטימע: — גוט וואָס ער טראַכט, שוין די העכסטע צייט. נאָך אַ געווויסער צייט האָט ער באַלייגט אַ רוישיקע אינטערפּעלאַציע אין סיים. דעם רעזולטאַט האָט מען שוין געקאָנט פאָרויס־זען. די מערהייט נאָכלויפערס און נאָכטענצערס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים ווי אַן אויסגעהונגערטע סטאַדע וועלף. די אַזוי גערופענע אַקטיוויסטן, די פּאַר־טייאישע קאַריעריסטן פון לעצטן סעזאָן, האָבן שוין אויסגעשמעקט פון וואַנען עס בלאָזט דער ווינט. פאַר די קאַריעריסטן איז אויפגעקומען דער געהעריקער קלימאַט און די מעגלעכקייט צו פאַרבעסערן זייערע פּאָזיציעס — האָט איינמאָל געזאָגט דורכן טעלעפאָן מיכאלס פּאָטער. ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם זאַץ, און פון יענער זייט האָט מען אַוועקגעוואָרפן דאָס טרייבל. דאָס איז געווען דער פּחד פאַרן אונטער־הערן. צו מיינע צוקונפטיקע שווער־און שוויגער האָבן אנגעהויבן קומען אַלץ ווייניקער געסט, מ׳האָט מורא געהאַט פאַר באַגעגענישן און קאָנטאַקטן.

דאָס קינדיקן פון דער אַרבעט האָט אַרומגענומען אַלץ ברייטערע און ברייטערע קרייזן. אויף די פּאַרטיי־

פאַרזאַמלונגען האָט מען געטיילט די אַנווענדיקע אויף יידן און פּאָליאַקן. פון די ערשטע האָט מען פאַרלאַנגט דעקלאַראַציעס. עס זענען נישט געווען גענוג די אָפּשטי־מונגען פאַר די אַנטשפּרעכנד צוגעגרייטע רעזאָלוציעס אין אַנטי־ישראלדיקן גייסט.

עס איז אָנגעקומען דער סוף פונעם שול־יאָר און די פעריען. די מענטשן האָבן זיך גענומען צום אויסנוצן די אורלויב־צייט. זיי האָבן זיך באַמיט וואָס גיכער זיך אָפּצורייסן פון דעם אַרבעטס־פּלאַץ און פון די פאַרטיי־אישע ראַיאָנען. די וואָס האָבן נישט געקאָנט באַקומען קיין אורלויב — זענען געוואָרן „קראַנק". שיקאַנירט זענען געוואָרן באַזונדערס די מיטגלידער פון דער פּאַר־טיי. זיי זענען מקנא געווען די אומפּאַרטייאישע, היות זיי האָט מען נישט געמאַטערט. אַ סך האָבן זיך אַרומ־געטראָגן מיט דער האָפענונג, אַז דער אַזוי גערופענער אַנטי־יידישער קורס וועט איבערגיין. אפשר וועט גאָ־מולקאַ זיך באַזינען.

דאָס פּאָליטישע לעבן האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין די קור־ערטער. מען האָט אַלץ גערעדט וועגן דער מפּלה פון די מצרים און פון די אַנדערע אַראַבישע לענדער. מען האָט אָפן געחוזקט און אָפּגעשפּאָט פון ראַטנפאַר־באַנד און די פאַרבינדעטע לענדער, אַז זיי האָבן פון גאָרנישט געוווּסט. אומזיסט האָבן זיי געגעסן פּויליש ברויט מיט פּוטער און שינקע. זיך געמאַכט אַ קאַריערע פאַר האַרטער וואַלוטע פון אויסלענדישע דיעטעס. די רייד איז געווען וועגן אונדזערע מיליטערישע אַטאַשעס.

מיר זענען געזעסן מיט באַקאַנטע אויף דער פּלאַזשע פון קאָלאָבזשעג. עס האָט זיך צונויפגענומען אַ בינטל

העכערע אָפּיצירן, דעם פּאָטערס חברים פון פּראָגנט. מיכאלס פּאָטער האָט בעתן שמועס אַ פרעג געטאָן די אָנוועזנדע: — איר האָט געלייענט „די פאַרבן פון קאַמף" פון מיעטשיסלאַוו מאַטשאַר? קיינער האָט נישט געלייענט. יאָ, אייניקע האָבן געזען דעם פילם, גאָרנישט קיין שלעכטער, אפילו גוט געמאַכט. ביים אָנדרייען דעם סצענאַר האָט אים אַסיסטירט אַ מיליטערישער קאָנ־סולטאַנט — האָט עמעץ צוגעגעבן.

— אַ שאָד, מיינע טייערע. אַז איר פילט אַן עקל צו דעם דאָזיקן גרויסהאַלטער — דאָס פאַרשטיי איך. זיין שעפערישקייט איז אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש. זי זאָגט עדות אין וואָספאַראַ אַטמאָספער מען פּרעפּאַרירט דערינערונגען. פּסעוודאָליטעראַטן שרייבן דאָס און העלפן דאָס אָנפּאַטשקען. טראָץ אַלעמען העלפן אָבער אַזעלכע ווערק זיך צו אָריענטירן וועגן דער תקופה, אין וועלכער מיר לעבן, און וואָס פאַראַ מענטשן עס שטייען ביים רודער פון דער מאַכט.

— נו, גיט אַ קוק. — מיכאלס פּאָטער האָט זיך באַ־קוועם אַוועקגעזעצט אויפן זאַמד. דער פּולקאָווניק פון דער אַוויאַציע, וואָס איז געזעסן נעבן אים, האָט צוגע־בויגן דעם קאָפּ, כדי בעסער צו זען. די רעשט האָבן נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון דעם פּאָטערס הענט. איך האָב אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ כדי אויך עפּעס אויפצוכאַפּן. מיכאל האָט אַרויסגעצויגן דעם בליי־פעדער.

מיכאלס פּאָטער האָט געהאַלטן אין האַנט מאַטשאַרס בוך. אַן אָנגענעמע הילע, לאַקירט, גלאַנציק, אין דריי קאָלירן. אויפן טאָוול אַ גרינער פיר־עק מיטן ווייסן

סטיליזירטן טיטל. „די פאַרבן פון קאַמף" אויפן פאַן פון אַ סאָסנע־וועלדל אין זיין ווינטערדיקער פּראַכט.

— קוקט זיך צו. אָט איז דאָס זייטל 197, ווער ווייסט איבערלייענען וועגן דער טעכניק פון אויפרייסן אַ צוג?

— מסתמא איך. דאָס קומט דאָך מיר לויטן אמת — האָט זיך אָפּגערופן דער פּאָדפּאָלקאָווניק ל. פון דער 6־טער פּאַראַשוטיסטן־דיוויזיע. ער האָט זיך אויסגעלייגט אויפן בויך, אַריינגעזועצט די עלנבויגנס אין זאַמד און האָט אָנגעהויבן לייענען:

„די מינירערס אונטער דער אָנפירונג פון פּאָרוטשניק יוזעק האָבן אויסגעפירט זייער אויפגאַבע פּאַכמעניש און פּינקטלעך. די ביקפאָרט־שנורן זענען אָנגעצויגן געוואָרן פון די באַן־רעלסן ביז צום וואַלד. זייערע עקן זענען געלעגן צופוסנס פון די פּאַרבאַהאַלטענע גוואַר־דיסטן. די „פיזיליערן" און די „ערקאָעמיסטן" האָבן זיך אויסגעלייגט לענג־אויס דער באַן־ליניע, בילדנדיק אַ לאַנגע, אָבער קוים אָנזעבאַרע קייט. פון מויל צו מויל איז שעפּטשענדיק איבערגעגעבן געוואָרן די מעלדונג: „פּאַרטיק".

דער פּאַראַשוטיסט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט: דערווייל איז עס פולשטענדיק ווי עס דאַרף צו זיין. ער האָט מסתמא געוואָלט אַרויסזעצן די רעלסן. אָבער צוליב וואָס האָט ער געצויגן די קנויט־שנורן פון וואַלד, ס'איז דאָך גענוג געווען אַ האַלבער מעטער!?

— ניין, נישט אין די רעלסן איז אים געגאַנגען, עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ לאָקאָמאָטיוו, אין אַ צוג.

— אַ קנויט פון אַ ביקפאָרט אויפצורייסן אַ צוג, ער איז משוגע געוואָרן! — האָט עמיץ זיך צעלאַכט אויפן

קול. אַנדערע האָבן מיט רחמנות געשאָקלט מיט די קעפּ. איך האָב אונטערגעשטויסן מיכאלן. כ׳האָב גאָרנישט פֿאַרשטאַנען.

„דאָס סאָפּען פֿון דעם לאָקאָמאָטיוו איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, דאָס ריטמישע קלאַפּן פֿון דער מאַשין האָבן מיר געהערט אַלץ דייטלעכער. דער צוג האָט זיך דער־נענטערט צום לעצטן נישט גרויסן פֿאַרנויג. נאָך אַ רגע און מיר האָבן דערזען דעם לאָקאָמאָטיוו ווי ער שלעפּט נאָך זיך אַ לאַנגע רייע אָנגעלאָדענע לאַסט־וואַגאַנען. דער טראַנספּאָרט איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פֿון דער ווייסל. מיר האָבן צוזאַמענגעדריקט די ציינער. ניין, דעם דאָזיקן צוג וועט איר נישט באַקומען, פֿאַרשאָלטענע הינטישע זין. דער לאָקאָמאָטיוו האָט, אַרויסוואַרפֿנדיק קנוילן רויך, זיך גיך דערנענטערט צום אָרט פֿון דער לויערונג. דער מאַשיניסט, מיטן עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אָן דעם ראַנד פֿון פֿענצטער, האָט געקוקט פֿאַר זיך פֿאָרויס.

נאָך אַ קורצע ווײַלע, און דעם קרעכצנדיקן לאָקאָמאָ־טיוו איז אַנטקעגנגעלאָפֿן אַ קליינער פֿונק. אַ סעקונדע, און אַ מעכטיקער קנאַל האָט צעריסן די לופֿט. די שוואַר־צע מאַשין האָט זיך איבערגעקערט צו דער ערד און זיך אַראָפּגעקייקלט פֿון די רעלסן״.

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! — די אָפּיצירן האָבן זיך צעקייכט פֿון געלעכטער. מיר — איך און מיכאל — זענען געזעסן ווי ביי אַ טערקישער תּפֿילה, נישט פֿאַרשטייענדיק אין וואָס עס גייט. איך האָב מסתמא געמאַכט עפּעס זייער אַ נאַרישע מינע. מיכאלס פֿאָטער האָט געוויזן אויף מיר מיטן פֿינגער. אַלע, צוזאַמען מיט מיכאלן, האָבן זיך

הילכיק צעלאַכט.

איך האָב זיך באַליידיקט, אַרויסגעשטעקט זיי די צונג אין דער גאַנצער לענג און כ׳בין אַוועקגעלאָפן צום ים. מיכאל האָט מיך קוים דעריאָגט. איך בין געווען ווייט הינטער דער ראַמפּע, און שווימענדיק האָבן מיר זיך געשפּאַרט. צום סוף האָבן מיר באַשלאָסן זיך צוריק־צוקערן. אַ שאָד אדורכצולאָזן אַ געלעגנהייט. איך האָב זיך פאַרנויגט און העפלעך געבעטן אַנטשולדיקונג.

מיכאלס פאָטער האָט גוטמוטיק געשמייכלט און גע־זאָגט: אַ שיינע צונג האָסטו, באַשיאַ. די רעשט געזעל־שאַפט האָט ווייטער פאָרגעזעצט דעם שמועס אויף דער זעלבער טעמע. מען האָט באַרעדט דעם פּערסאָנעלן צוזאַמענשטעל פון אונדזערע מיליטערישע מיסיעס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין ישראל איז אַזאַ איבער־הויפּט נישט געווען. דאָקעגן איז אין עגיפּטן געזעסן אַמאָל דער פּולקאָווניק סידאָר. פון דעם שמועס איז אַרויסגעדרונגען, אַז אַזעלכע וויכטיקע פּאָסטנס האָבן פאַרנומען אָפיצירן פון זיכערהייטס־דינסט, וועלכע האָבן נישט געענדיקט קיין מיליטערישע שולן און האָבן אויך נישט געהאַט קיין דערפאַרונג. זיי האָבן אָפט אָבסער־ווירט מאַנעווורעס פון די עגיפּטישע און סירישע אַר־מייען. אָבער זיי האָבן פון דעם אַלעם גאָרנישט פאַר־שטאַנען. זיי האָבן נישט געוווּסט ווי אָפּצושאַצן די עפעקטיווקייט פון די פאַרשידענע מיליטער־פאָרמאַציעס.

— סידאָר מאַכט זיך פאַר אַ חכם אויפן חשבון פון ישראל. ער זוכט זיך אויס פאַרשידענע נישט געשטוי־גענע מעשיות. אַזאַ טיפּש ווי ער איז געווען, אַזאַ וועט ער שוין בלייבן. אַן אָבער־שפּיצעל, מאַטשאַרס אַ פריינט

— האָט אַ זאָג געטאָן דער פּאַראַשוטיסט — נישט כדאי וועגן אים צו רעדן.

— עס איז קיין ווונדער נישט — האָט צוגעגעבן מיכאַלס פּאָטער. — אויב דער דיוויזיע־גענעראַל מאַטשאַר איז אַ גראָבער יונג, רינגלט ער זיך אַרום מיט אַזעלכע ווי ער. און פון דאַנען דאָס „וויסן", וואָס איז אפילו קיין געפּגרטן קאָטער נישט ווערט.

— אינטערעסאַנט, ווען איז מאָטשאַר געוואָרן אַ מי־ליטער־מאַן און וויאַזוי האָט ער אַוואַנסירט.

— אַלזאָ, ביטע. — מיכאַלס פּאָטער האָט ווידער גע־נומען אין האַנט די „פּאַרבן פון קאַמף" — אויף זייטל 187 דערשיינט פלוצים מאָטשאַר אין ראַנג פון אַ פּול־קאָווניק. לייענענדיק דאָס בוך זעט מען גאַרנישט אַז ער זאָל ווען עס איז האָבן געהאַט געדינט אין דער אַרמיי און זאָל האָבן געענדיקט כאָטש וועלכע עס איז מיליטע־רישע שולע. ער דערמאַנט איבערהויפּט נישט דעם וועג פון זיין מיליטערישן אַוואַנס. פונוואַנען און ווו האָט ער געהאַט זיך אויסצולערנען אַרויסזעצן צוגן. אויך אין דער פּאַרטיזאַנקע האָט מען זיך געקאָנט עפּעס אויס־לערנען — ער איז אָבער געבליבן אַ גראָבער יונג. מאָטשאַר שטרעבט אָבער הויך, ער וויל דערגרייכן די כיבודים פון אַ מאַרשאַלעק, וויל אַרויסבייסן ספּיכאַלס־קין.

— יעדעס טעפּל געפינט זיך דאָס פּאַסיקע שטערצל — האָט זיך אָפּגערופן דער פליער.

✶ ✶ ✶

נאָכן מיטאָג זוכן מיר די ענציקלאָפּעדיע. מיר געפי־נען אָפּ דעם געהעריקן באַנד און זיצן אַ האַלבע שעה

צייט אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק. און אָט נאָטירן מיר פון דאָרט אַרויס: „אַ פּולווער־קנויט פון אַ ביק־פאָרט, ברענט מיט דער שנעלקייט פון בערך איין סענ־טימעטער אין אַ סעקונדע" — בוכשטעבלעך.

— דו פאַרשטייסט — רוימט מיר איין מיכאַל. איצט האָבן מיר ביידע אָנגעהויבן צו באַנעמען, אַז מיכאַלס פאָטער איז געווען גערעכט זאָגנדיק, אַז מאָטשאַר איז אַ גראָבער יונג, אַז ער האָט נישט די מינדעסטע בילדונג. ווי אַזוי האָט אַזאַ איינער געקאָנט אָנפירן מיט דער פאַרטיזאַנקע? אַליין דערציילט ער, אַז ער איז געלעגן אונטער אַ בוים און האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן, און אַזאַ איינער וואַגט וועגן דעם צו שרייבן!

— פון וואַנען נעמט זיך, אַז אַזאַ גאָרנישט דרייט מיטן מיניסטעריום, מיט דער פאַרטיי, מיטן סאָציאַליזם. צוזאַמען מיט מיכאַלן האָבן מיר אויסגעצייכנט פאַר־שטאַנען, אַז די סיבה איז דער טעראָר, דאָס פעלן פון דעמאָקראַטיע און די שרעק פאַר דיקטאַטאָרן. קיינער האָט נישט געוואַגט צו פאַריכטן דאָס וואָס מאָטשאַר האָט אָנגעקנוידערט אין די „פאַרבן פון קאַמף".

אונדזער וועלט האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן פון אַלע זייטן. עס איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן די נייַנטע אויפלאַגע. אָבליגאַטאָרישע לעקטור אין אַלע שולן. אין די אַלגעמיינע, הומאַניסטישע, פאַכשולן, טעכניקומס, אין די לערער־סעמינאַרן.

מיר זוכן מיכאַלס פאָטער. ער זיצט אין דער אלטאַנע און שפּילט מיט זיינע חברים אין ברידזש. היינט וועט גאָרנישט אַרויסקומען, מיר לייגן אָפּ די קאָנסולטאַציע אויף מאָרגן אינדערפרי.

צומאַרגנס האָבן מיר אויסגעהערט אַ פאַרלעזונג וועגן פולווער־קנויטן און מעטאָדן פון אויפרייסן באַוועגלעכע אָביעקטן פון אַ ווייטן אָפשטאַנד. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין פילם „פאַרבן פון קאַמף" ווערט די ביקפאַרט־קנויט פאַרוואַנדלט אין אַן עלעקטרישן קאַבעל, און אַזוי אַרום האָט מען זיך אַרויסגעדרייט פון אַ קלאַפּאַט. מאַטשאַר האָט זיך אָבער נישט געכאַפּט דערויף פאַרוואָס מען האָט געטוישט די קנויט־שנור. ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז מער עפעקטיוו און ער איז מסכים געווען. די דאַזיקע קאָמישע ענדערונג האָט געמאַכט דער באַ־קאַנטער ליטעראַט וו. זש.

* * *

באַשיאַ האָט אין מיטן איר רעדן דערפילט אַן אויפ־רודערונג אין זאַל. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אויפן פרע־זידיום, אויפן זאַל, און האָט צום סוף געפרעגט: „אפשר רעד איך נישט צום ענין. איך בין גרייט צו פאַרקירצן מיינע רייד.

— ניין, ניין — האָט מען געරופן פון זאַל. דער אלוף האָט זיך אויפגעשטעלט: — ביטע רעדט ווייטער, דאָס זענען זייער אינטערעסאַנטע רעלאַציעס. אַביסל דער־מאָנען מיר די דאַזיקע פאַקטן די עגיפּטישע פאַרהעל־טענישן. דער עולם אין זאַל האָט שטרמישו אַפּלאָדירט.

געענדיקט די פעריען. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שול־יאָר. דאָס לעבן האָט מיטאַמאָל אָנגענומען אַ נייע קאָליר און אַ נייעם טעמפּאָ. אין דער פּאָליטיק האָט נאָך אָנגעהאַלטן דער „אוגערקע־סעזאָן", אָבער ביסלעכווייז אין די שפּאַנונג געשטיגן. דאָס פּאָליטישע ביוראָ האָט

זיך צוריקגעקערט פון דעם פאַרדינטן אורלויב. די מיניסטאָרן און די סיים־דעפּוטאַטן צוריק אויף זייערע ערטער און פּאָזיציעס. דער פּאָליטישער אַטאַק קעגן ישראל אין דער אונ״אָ האָט נישט געגעבן קיין רעזול־טאַטן. די פּרעסע איז צוליב דעם אַרויס פון די כלים. מען האָט פּראָקלאַמירט דאָס אויסטוישן די פּאַרטײיִשע לעגיטימאַציעס. גלייכצייטיק האָט מען באַפרייט פון דער אַרבעט אַ צאָל אַקטיוויסטן. דאָס איז געווען אַ וואָ־רענונגס־צייכן, ווייל ווער עס וועט פאַרלירן די לעגי־טימאַציע, וועט באַזייטיקט ווערן פון זיין פּאָסטן.

די אַנטי־ישראלדיקע קאַמפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ באַנייטער קראַפט. אויף די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונ־גען האָט זיך געקאָכט. מען האָט פאַרלאַנגט מען זאָל זיך דעקלאַרירן. מען האָט אַרויסגערופן יעדן יידישן פּאַרטיי־מאַן ער זאָל זיך אַרויסזאָגן וועגן דער פּאָליטיק בנוגע דעם נאָענטן מזרח. נאָך לאַנגע ווידעראַנאַנדן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די דעקלאַראַציע פון פּרעזידיום פון דעם „קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן״. דער וויצע־פּאַרזיצער, דער באַקאַנטער דיכטער און פּובליציסט דוד ספאַרד האָט זיך אָפּגע־זאָגט צו געבן זיין אונטערשריפט. אויף די פאַרזאַמ־לונגען איז דערגאַנגען צו סצענעס, וואָס האָבן דערני־דעריקט דעם כבוד פון מענטש. אָט איז אַ בלידל:

— חבר איקס, איר זענט נישט געווען אַנוועזנד אויף דער זיצונג אין יוני.

— איך בין געווען קראַנק.

— איצט זענט איר געזונט.

— יאָ.

— דאַרפט איר זיך דעקלאַרירן אין דער פראַגע וועגן דער פּאַרטייאישער פּאָליטיק בנוגע ישראל.

— פאַרוואָס דווקא איך?

— איך מוז אייך נישט אויפקלערן, איר ווייסט אַליין...

— איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס איך, און נישט קרוליקאָווסקי,ביידע זענען מיר געווען אָפּוועזנד, און אויך אַנדערע.

— איר ווייסט אליין — האָט מען גערופן פון הינטערן פרעזידיום־טיש.

אנשטאט וועגן ישראל און וועגן די אַראַבער, האָט מען דיסקוטירט וועגן דעם ווער עס איז אַ ייד, און ווער אַ האַלבער ייד. ווער אייגנטלעך איז קאמפעטענט צו באַשטימען די אָפּשטאַמונג? אַלץ מער און מער האָט אַנטפּלעקט אירע נעגל די פאַרטייאישע הידרע.

ביים אָנהויב נישט דרייסט, אָבער מיטן לויף פון דער צייט האָט זיך אַזוי מיט יעדן טאָג פאַרשטאַרקט דער דרוק אויף די פּחדנים און דעזאָריענטירטע. מענטשן האָבן זיך איינגעבראָכן ווי שוועבעלעך צווישן די פינגער. אַנדערש האָט מען גערעדט אויף די פאַרזאַמלונגען, און אינגאַנצן אַנדערש האָט מען גערעדט אויף דער גאַס, אינדערהיים — אָן אַן אויפזיכט.

צו אַלץ האָט מען זיך געטשעפּעט. מען האָט זיך גע־טשעפּעט צו דער יידישער שפּראַך, געטענהט אַז דאָס איז אַ „זשאַרגאָן". מ'האָט גערעדט, אַז יידן זענען אי־בערהויפּט נישט קיין נאַציע. און די וועלכע האַלטן אַנדערש, זיי זענען נאַציאָנאַליסטן. דעם דאָזיקן חטא פלעגט מען צושרייבן כשרע פאָלאַקן.

מאָטשאר איז ענדלעך אַרויס מיט אַ רעדע. ישראל

און איר אַרמיי קאָן מען פֿאַרגלייכן צו די היטלעריסטן. ער האָט געגעבן דעם סיגנאַל צו פֿאַרשאַרפֿן די העצע.

אין קלאַס האָט מען אַ געוויסן טאָג אָנגעזאָגט, אַז מען קען נאָך באַקומען בילעטן אויף דער לעצטער פֿאָר־שטעלונג פֿון מיצקעוויטשעס „דזשיאַדי״. רעדנדיק וועגן דעם האָט די דערציִערין זיך פֿאַראַטן מיט איר אויס־טערלישער אויפֿפֿירונג, מיט עפּעס אַ שאַרפֿן גלאַנץ אין אירע אויגן. עס האָבן זיך געגומען שיטן פֿראַגן: פֿאַר־וואָס? דער טעאַטער־סעזאָן האָט זיך דאָך ערשט אָנגע־הויבן. עס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט זיך געראַנגלט מיט זיך. צום סוף האָט זי, נישט קוקנדיק אויף אונדז, אַ זאָג געטאָן: דער בנין פֿון טעאַטער פּלאַצט, עס האָבן זיך באַוויזן שפּאַלטן אין די ווענט, עס פֿאָדערט זיך אַ גיכער רעמאָנט...

די דערציִאונגס־שעה האָט זיך נישט געקלעפּט. פֿון אונדזער דערפֿאַרונג האָבן מיר אַרויסגעפֿילט, אַז עס וואַקסט אָן עפּעס אַ נייער סקאַנדאַל. מיר האָבן גערעדט צווישן זיך אויפֿן קול, מיר זענען געווען שטאַרק גע־שפּאַנט. עס זענען אַרויסגערוקט געוואָרן פֿאַרשידענע פּראָיעקטן און פּלענער. יעדער איינער האָט געוואָלט זען די פּיעסע. „מען דאַרף זוכן אַן אַנדערן בנין״ — האָט געזאָגט קרישא גאַוועלעק, און מאַרילקאַ האָט גע־האַלטן, אַז מען קאָן רעזיגנירן פֿון אַן אַנדערער פֿאָר־שטעלונג, וואָס איז ווייניקער וויכטיק פֿאַר אונדז, און פֿון דער דאָזיקער פּיעסע נישט רעזיגנירן.

נאָך עטלעכע טעג האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער רעמאָנט שמעקט מיט פּאָליטיק. איך האָב געפֿרעגט מײַנע עלטערן וואָס זיי טראַכטן וועגן דעם. איך האָב ווי

געוויינלעך באַקומען דעם סטערעאָטיפּישן ענטפער: „מיר באַשעפטיקן זיך נישט מיט קיין פּאָליטיק, מיר האָבן אונדזערע אייגענע דאגות״.

מיכאלס פּאָטער האָט אויך געהאַט נישט ווייניק קאָפּ־פאַרדרייעניש, עס האָט אויף אים געוואַרט דאָס אויס־טוישן די לעגיטימאַציע. דאָך האָבן מיר אים אָנגעכאַפּט נאָכן מיטאָג.

— טאַטע, דו ווייסט אַז דאָס שפּילן „דזשיאַדי״ איז געוואָרן פאַרבאָטן?

ער האָט אפילו נישט אַ קוק געטאָן אויף אונדז, ער האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ און געזאָגט: „אַלע רכילות קלעפּן זיך צו צו איך״.

מיכאל איז נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט דערציילט דעם פּאָטער וואָס מען רעדט אין דער שולע. איך האָב באַשטעטיקט און גלייך צוגעגעבן אַ פרישע נייעס:

אויף דער גאַלאַ־פאָרשטעלונג איז געווען אַנוועזנד דער אַמבאַסאַדאָר פון ראַטנפאַרבאַנד. די פּיעסע איז אים נישט געפעלן געוואָרן, ער האָט געדרייט מיט דער נאָז. גאָמולקאַ איז געזעסן אין דער צווייטער לאָזשע, האָט אַפּלאַדירט מיט צופרידנקייט. אָבער ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער אָנגעצונדענער נאָז פון דעם אַמבאַסאַדאָר, איז ער געוואָרן מער צוריקגעהאַלטן. עטלעכע טעג שפּעטער זענען פאָרגעקומען ברודערלעכע געשפּרעכן און מען האָט באַשלאָסן, אַז די פּיעסע איז אַ גוטע, אָבער שוין אַ פאַרעלטערטע...

מיכאלס פּאָטער האָט געשוויגן אַן אויפגערעגטער. צום סוף האָט ער אַרויסגעשטאַמלט: — עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס איז אמת, אָבער ביז וואַנען איך

וועל די זאַך נישט נאָכקאָנטראָלירן, וועל איך אײַך גאָרנישט זאָגן. אפילו קיין אײנציקן הויך פון מויל נישט אַרויסלאָזן. איך האָב שרעקלעך נישט ליב קיין רכילות.
מיכאל האָט פאַרביסן די ליפּן און געזאָגט: מײַן אַלטער דערוווסט זיך אַלעמאָל דער לעצטער. ער האָט קאָמפּלעקסן, צוערשט מוז ער גרינטלעך נאָכקאָנטראָלירן, און דערנאָך וועט ער איבעראַנאַליזירן דיאַלעקטיש. ער האָט זיך אָפּגעבריט — איצט בלאָזט ער אויפן קאַלטן. האָסט געהערט ווי מײַן פֿאָטער האָט ליב צו זאָגן: „דערווייל בין איך אַ נישט גלויביקער, ביז איך וועל נישט נאָכזען וועל איך נישט גלויבן". איך מיין, אַז ער פאַרשפּעטיקט זיך אַביסל מיט זײַן דיאַלעקטיק, ער קאָן פּשוט נישט דעריאָגן.

מיכאל איז אַ ספּעציאַליסט אויף אונטערהערן. ער זיצט ווי ער וואָלט כלומרשט געווען פאַרנומען מיט די לעקציעס. איינמאָל האָט ער אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן די עלטערן, זיי האָבן גערעדט וועגן איינעם אַ פּאַוועלעק, וועלכער איז צוזאַמען מיטן פֿאָטער געזעסן אין קאַרטוז בערעזע. היינט איז ער אַ באַרימטער כעמיקער, האָט אויסגעבויט די פּעטראָכעמישע אונטערנעמונגען אין פּלאָצק. אַ געניאַלער קאָפּ. אַ בויער פון דער נאַפט־רער ראַטנפאַרבאַנד־פּוילן. דעם נאַפט ציט מען פון איבער דעם קאַספּישן ים. פון יענער זייט האָט מען קענטיק געגעבן אָנצוהערן, אַז פּאַוועלעק האָט שוין זיינס געטאָן... אין דער צייט ווען ער איז געווען אַרויסגעפאָרן אויף אורלויב, האָט מען אויפגעהאַלטן אין משך פון צוויי טעג די ליפערונג פון נאַפט־ראָפּע. צום סוף האָבן אונדזערע פאַרשטאַנען... ווען פּאַוועלעק איז צו־

ריקגעקומען, האָט ער זיך געפונען אויג אויף אויג מיטן נייעם דירעקטאָר. ער איז זיך געזעסן באַקוועם אין פאָטעל און גערויכערט אַ ליולקע. „קיין שום נייעס, קאָלעגע, וועל איך אייך נישט זאָגן; מען האָט מיך נאָמינירט אויף אייער אָרט. דאָס אַריבערפירן די פונקציעס איז פאָרגעקומען קאָמיסיאָנעל, און דעריבער האָט מען אייך נישט אָפּגערופן פון דעם אורלויב".

פּאַוועלעק זוכט אַרבעט, אָבער ער באַקומט נישט. די זאַך איז האָפענונגסלאָז.

דאָס פּאַרפּאָלק אָרלאָווסקי האָט געדינט אין מיליטערישן געזונטהייטס־דינסט. זיי זענען געווען אָרדינאַטאָרן פון אָפּטיילונגען. אין משך פון לאַנגע יאָרן זענען זיי געווען דער שטאָלץ פון דעם צענטראַלן מיליטעריש שפּיטאָל. זי און ער זענעןביידע געווען פּולקאָווניקעס, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָרלאָווסקי איז פון דער אָפּשטאַמונג געווען אַ ייד. מען האָט זיי באַפרייט פון דער אַרמיי. זייערע נערוון האָבן נישט אויסגעהאַלטן די העצע. זיי האָבן אויפגעדרייט דעם קראַן פון גאַז און האָבן זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין. זי איז געשטאָרבן, אים האָט מען אָפּגעראַטעוועט, ער וועט אפשר בלייבן לעבן. טאָקע אין דאָזיקן עניין איז געווען אַ באַאומרואיקנדיקע שטילקייט. די לויה וועט זיין אַ שטילע און אַ געהיימע. עס זאָל חלילה נישט דערגיין צו קיין דעמאָנסטראַטיווע רעדעס. אַזוי האָט זיך אויך געפירט, ווי עס שיינט, אין די צאַרישע צייטן.

די געשיכטע מיט די „דזשיאַדעס" ווערט אַלץ טומלדיקער. די אַרבעט אין דער סאָוויעטיש־פּוילישער פריינטשאַפטס־געזעלשאַפט טרעפט זיך אָן אויף קעג־

נערשאַפטן. מען האָט אויסגעפייפט דעם אַמבאַסאַדאָר אין דער זשיראַרדאָווער וועבעריי־פאַבריק. מען שטעלט ווידער די „דזשיאַדעס״, אָבער דאָס וועלן זיין די לעצטע ספּעקטאַקלען. עס שטופּן זיך מאַסן, די קאַסעס זענען באַלאַגערט. אין זאַל איז די אַטמאָספער אָנגעגליט, יע־דעס וואָרט קעגן דער טיראַניע ווערט אויפגעכאַפּט מיט שטורמישע אָוואַציעס.

פון די צייטונגען זענען פאַרשוווּנדן די באַגעגענישן און די אָוונטן פון פריינטשאַפט מיטן „עלטערן ברודער״. די פאָרשטייער פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע פילן זיך באַשיינפערלעך שלעכט.

אַ געוויסן טאָג איז דערשינען אַ נאָטיץ, אַז דער אַמ־באַסאַדאָר לייקנט אָפּ די קלאַנגען, לויט וועלכע ער האָט כלומרשט וועלכע עס איז באַוואָרענישן לגבי מיצ־קעוויטשעס שאַפונגען. עפּעס האָט ער דאָרט גערעדט מיט דער צונג. דער אינטערוויו האָט אָבער צוגעגאָסן בוימל צום פייער. אין די הויכשולן פיבערט. די פּראָ־פעסאָרן און אַסיסטענטן ווערן פאַרוואָרפן מיט פראַגן. מען דיסקוטירט וועגן דיקטאַטור, דעמאָקראַטיע און צענזור. ישראל איז אַראָפּ אַביסל אין שאָטן, אָבער נישט די יידן.

דער פרעזעס פון דעם פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישער יוגנט, קאָלעגע האַסיעק, האָט געהאַלטן אויפן אוני־ווערסיטעט אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אַלע אומ־גליקן אַרויפגעוואָרפן אויף די יידן. ער האָט זיך נישט זשענירט, נישט איינגעוויקלט זיינע רייד אין וואַטע, נישט מאַסקירט זיך מיט ציוניזם. עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ גערודער, מען האָט געוואָרפן לעגיטימאַציעס.

עס איז אַנגעוואַקסן אַן אוואַנטורע. ראַסיזם, אַנטיסעמי־טיזם. נידער — האָט מען געשריען. נאָך עטלעכע וואָכן האָט מען אים אַראָפּגענומען פון זיין אַמט. טיפּש — האָט מען אים געזאָגט. ווען יידן האָסטו גערעדט צו פרי.

האָסיעק איז געגאַנגען אויף אַ זייטיקן וועג, אָבער ער האָט זיינס אויפגעטאָן. דאָס וועט אים די געשיכטע נישט פאַרגעסן. נאָך עטלעכע חדשים פון שטורמישע פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, האָט די אַדמיניסטראַציע אָפיציעל באַזייטיקט די צוויי יונגע סטודענטן מיכניק און שלייפער. פּראַקטיש אָבער זענען זיי ווייטער געקו־מען אויף די לעקציעס, אונטערן שוץ פון די קאָלעגן, און מיטן וויסן פון די פּראָפעסאָרן. אַן ענסטע גרופּע פון פּראָפעסאָרן האָט סימפּאַטיזירט מיט דער יוגנט. זיי האָבן פאַרויסגעזען דאָס גרויסע אומגליק, וואָס טראָגט זיך אָן אויף פּוילן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך אַראָפּגעקייקלט צום אָפּגרונט פון נאַציאָנאַליזם, זי האָט פאַרלוירן דעם סאָציאַליזם. דאָגמעס זענען גע־קומען אויפן אָרט פון דער טעאָריע. די דעמאָקראַטישע לינקע האָבן געוואָלט אָפּראַטעווען רעשטלעך פון דער גרויסער אידעע. די אוניווערסיטעט־יוגנט האָט טראַק־טירט דעם סאָציאַליזם אינגאַנצן ערנסט. געשטרעבט צו זיין רעאַליזירונג. דאָקעגן האָבן די ביי דער מאַכט שוין פון לאַנג אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אָט די אַלע חלומות. זיי האָבן געשפּילט ווי בלינדע אין קאָרטן. טאָמער וועלן זיי טרעפן. זיי האָבן ציניש אינטערפּרע־טירט די פּערזענלעכע פרייהייט. וואָלן זענען געוואָרן אַ פאַרסע. ווי מען וואָלט כלומרשט אונדז געפרעגט.

מען האָט זיך געטראָפן מיט דער יוגנט. די אויפקלע־רונגען זענען געווען פאַלשע, שקרדיקע, נאָר צו פאַר־טושן די אויגן. מאַטשאַר, קלישקאָ און די אַנדערע האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ בולטן ווידערווילן. אַנ־שטאט צו זיין אויפריכטיק, האָט מען מאַנערווירט, אָפּגענאַרט. אַ רייע אַנגעזעענע ליטעראַטן זענען אַרויס־געטראָטן פון דער פּאַרטיי. די רעזולטאַטן פון די וואַלן ביי די ליטעראַטן זענען געווען אַנטוישנדיק פאַר די רעגירנדיקע אינסטאַנצן.

מיכאלס פּאַטער האָט גוט געקענט דעם מעכאַניזם פון דער מאַכט. ער האָט קורץ געזאָגט: „די אַט־מאָספער שמעקט מיט אַ פרעכער פּראָוואָקאַציע".

ראָמאַן בראַטני האָט אָפּגעדרוקט אין דער צייטונג „קולטוראַ" אַ דערציילונג אונטערן קעפּל: „דוד — דער זון פון הענריק". אומעטום האָט מען וועגן דעם גערעדט. — דער מנוול האָט אָנגעשריבן אויף באַשטעלונג. ער האָט געשילדערט די ישראלדיקע זעלנער אין דער אַקציע. עקל, גאוה, אכזריותדיקייט... זיי טראַקטירן די געפאַנגענע ווי זיי אַליין וואָלטן געווען „אויבערמענ־טשן". פאַרן פיינט קיין טראָפּן וואַסער, קיין מענטשלעך וואָרט. ווי אַ געוועזענער פּאַרטיזאַנער האָט ער געוווּסט, אַז געפאַנגענע רעווידירט מען. נישטאָ קיין פּאָלאַק, וואָס זאָל וועגן דעם נישט וויסן. בראַטני האָט געהייסן אַ ישראלדיקן זעלנער רעווידירן אַן אַראַבישע פרוי. איר זעט, מיינע הערן, דער ברוטאַלער זעלנערוק האָט איר געטאַפּט די ברוסטן, געקראַכן אין בוזעם...

וועגן דעם אַז מען טוט אויס נאַקעט טוריסטן יידן ווען זיי קערן זיך אום צוריק פון ישראל, האָט ער

כלומרשט נישט געוווּסט.

אַ געווויסן טאָג האָט מען אַרעסטירט און צעשלאָגן אַקאַדעמישע יוגנט נאָכן אַרויסגיין פון דער לעצטער פאָרשטעלונג פון „דזשיאַדי״.

עס איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די ליטעראַטן פון דער וואַרשעווער אָפּטיילונג. פאַרדעכטיקע טיפּן ביים אַריינגאַנג. פאַרשטעקטע אויטאָס הינטערן ראָג פון דער גאַס. אַרויסטרעטונגען קעגן דער צענזור און אין שוץ פון דער יוגנט. אַ שאַרפע רעזאָלוציע קעגן אַנטיסעמיטיזם. די רעזאָלוציע ווערט אונטערגעשטיצט פון אָנגעזעענע נעמען: סלאָנימסקי, נעווערלי, קאָלאַ־קאָווסקי, יאַשעניצאַ.

עס פאַרשטאַרקט זיך די אויסוואַנדערונג קיין ישראל. אַ באַקאַנטער שרייבער, אַ באַזינגער פון די קעמפער פאַרן קאָמוניזם, פאַרלאָזט פוילן. אַן אויפטרייסלונג צווישן די ליטעראַטן, אַן אויפטרייסלונג צווישן יידן און קאָמוניסטן. דער שרייבער האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר, האָט פּראָטעסטירט.

ראָמאַן בראַטני בינדט אַן געשפּרעכן אין די קולוארן:

— „ווי לאַנג איז דאָס געווען ווי ער איז... אויפגעטראָטן אויף אַ פאַרזאַמלונג און געזאָגט, אַז דאָס בין איך דער אַנטיסעמיט. און איצט זעט איר דאָך אַליין וווהין עס טראָגט אים״. מענטשן האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים. ער האָט געזען פאַר זיך רוקנס, זעלטן ווער עס האָט אים געגעבן געריכט, נישט געקוקט אויף די באַוווּסטע קאָנטאַקטן... אַ מנוול — האָט מען אומעטום געזאָגט אויף אים. — ער האָט אָנגעשריבן אויף באַשטעלונג.

ביי מיכאלן אין דער משפחה הערשט אַ גרויסע שמחה.

האנעטשקאַ און מאַריאַן האָבן זיך ענדלעך דערוואַרט אויף אַ וווינונג. דאָס האָט געדויערט פינף יאָר. די רייע איז געווען אַ לאַנגע. זיי האָבן איינגעצאָלט פון אָפּגעשפּאָרטע און געבאָרגטע געלטער. ענדלעך אַ קליינע, אָבער אַן אייגענע נעסט. אַ מיניאַטור־קיכעלע, קליינטשיקע צימערלעך. אַביסל צו קליין, אָבער אינטים־היימיש. די פרייד איז ווירקלעך אָן אַ שיעור. ביידע אַרבעטן. מאַריאַן אין בוי־וועזן, האַנעטשקאַ אין אינסטיטוט פאַר מוטער און קינד. אויך האָב מיר געריבן די הענט פאַר פרייד. מיכאַל האָט אַנגעדרייט די וואָנצעס. מיר האָבן געחלומט וועגן אַן אייגן ווינקעלע, דערווייל ביי די עלטערן, און נאָכדעם אַזוי ווי זיי. זייער וועג האָט אונדז אימפּאָנירט. מיר וועלן גיין אין זייערע שפּורן. פאַרענדיקן דעם ליצעאום, אָנהויבן שטודירן, און דערנאָך קומט די אַרבעט, און די ברייטע וועלט שטייט אָפן פאַר אונדז.

די לאַגע פאַרשאַרפט זיך. דער קאַמף פאַרן פרייען וואָרט גייט אָן. אַקאַדעמיקער און ליטעראַטן האַלטן אָפּ פאַרזאַמלונגען.

דער פּאָליטעכניקום סאָלידאַריזירט זיך מיטן אוניווערסיטעט. פון דער הויכשול זענען אַרויס בערך פיר הונדערט סטודענטן. איך שטיי אויפן באַלקאָן און אָבסערוויר. זיי מאַרשירן דורך פּאָלנע גאַס. עס הערן זיך אויסגעשרייען — נידער מיט דער צענזור! נידער מיכניק — שלייפער צוריק אין לערן־אַנשטאַלט! קערט צוריק מיכניקן און שליפערן אין אוניווערסיטעט!

מען מאַרשירט אין פינפטלעך. זיי פּאַכען מיט ביכער. זיי זענען כמעט צוגעקומען צום סטודענטן־הויז „ריי־

ווירא״. עמיצער זיצט אויף עמעצנס אַקסלען און מאַכט מיט די הענט — ער האַלט אַ רעדע. איך לויף אַרויס פון שטוב. פון קעגנאיבער לויפט אַרויס זיעלינסקאַ, עס לויפט איר נאָך די מוטער, שרייענדיק מיט קולי־קולות — שטיי, שטיי! וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין. וואָס וועט זאָגן דער טאַטע!

איך בין געלאָפן נאָך זיעלינסקאַ. איך האָב זי גערן. זי איז אַ סטודענטקע פון ערשטן יאָר, פירט זיך אויף אָנשטענדיק, סאָלידאַריזירט זיך מיט די חברים. נעבן „ריוויערא״ ווילדעווען די מיליציאָנערן, שלאָגן אויף בלינד, ווער עס קומט זיי אָן אונטער דער האַנט. צום באַקוועמסטן איז צו שלאָגן ליגנדיקע. זיי דערלאַנגען מיטן גאַנצן כוח, זשאַלעווען נישט קיינעם. עס שיטן זיך שטיינער, קנוילן פון פאַרהאַרטעוועטן שניי. נידער! — שרייען די סטודענטן. מען שרייט פון די פענצטער פון „ריוויערא״ — דער ווינט ברענגט צו טראָגן מיט אַ הילכיקן עכא — געסטאַפּאָ! געסטאַפּאָ!

צעהיצט און באַשפּריצט מיט בלאָטע, שלעפן די מיליציאָנערן עטלעכע יונגע מענטשן, שטופּן זיי אונטער און שלאָגן מיט די נאַגייקעס. די סטודענטן זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. גרופּן פּראָטעסטירנדיקע דעמאָנס־טראַנטן האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אין דער ריכטונג פון די אויאַזדאָווער אַלייען.

אין דער שולע איז אַ האַרמידער. גלייך נאָך די לעק־ציעס זענען מיר מיט אַ גרויסער גרופּע צוגעפּאָרן צום אוניווערסיטעט. סטודענטן מיט בענדער אויף די אַרבל האַלטן אָרדנונג ביים טויער. דער דורכפּאָר אויף דער גאַס איז אָפּגעשטעלט, מאַסן מענטשן שטייען אינמיטן

גאַס, רינגלען אַרום דעם קלויסטער פון די דריי קרייצן. קאָמפּאַניעס פון אַרמאַ־ווּצעס מיט בענדער אויף די אָרעמס און מיט שטעקנס אין די הענט, זענען גרייט צו דער „דיסקוסיע". דורך די סטיליזירטע אײַזערנע שטאכעטן פון דעם אוניווערסיטעט־טויער זעט מען דעם דויערנדיקן מיטינג. מיר קענען זיך נישט אַריינ־באַקומען אינעווייניק. די מיליץ און די אָרמאָווצעס שטופּן אָפּ דעם אַלץ וואַקסנדיקן המון, וועלכער שפּאַרט אויפן טויער. אַזוי דויערט די שפּיל: מיר שפּאַרן אויף זיי, און זיי שפּאַרן אויף צוריק. דער עולם שרייט, פּראָטעסטירט, און די פּראָטעסטן ווערן אונטערגעכאַפּט דורכן המון. עס רוישט ווי אויף אַ פוטבאָל־מעטש.

עס באַוויזט זיך מיכאל, ער האָט עפּעס ידיעות וועגן פּאָליטעכניקום. מיר לויפן צו די יעראָזאָלימער אליייען, שפּרינגען אַריין אין טראַמוואַי נומער 23. נעבן פּלאַץ זבאַוויטשעלא איז אַ געדראַנג. עס קומט פאָר אַ דע־מאָנסטראַציע נעבן דעם פּאָליטעכניקום. מען הערט אויסגעשרייען, די שטימען ווערן מעכטיקער. די מיליץ שליסט אָפּ די נאָוואָוויעיסקע גאַס. פּונקט ווי אַן איבער־געצוימטער טייך, אַזוי זוכן די מענטשן אַן אָפּפלוס. אַלע שפּאַרן אין די זייטיקע גאַסן און געסלעך.

מיר האָבן פּאַרשפּעטיקט. מיכאל האָט באַוויזן אַריינ־צוכאַפּן מיט אַ שטעקן. נעבן „ריוויערא" אַ צוזאַמענ־שטויס מיט דער מיליץ. עס שיטן זיך שטיינער. סטו־דענטן פאַרברענען צייטונגען „זשיטשע וואַרשאַווי" און „טריבונא לודו". — די פּרעסע זאָגט ליגן! די פּרעסע פעלשט! — הערן זיך געשרייען.

נעבן דעם פּאָליטעכניקום רויעט מיט מענטשן. דער

המון ווערט אַלץ גרעסער. די מיליץ טשעפּעט זיך, זי שטאָרגעט עמעצן אונטער. מען זעט אָבער אַז זיי זענען אומבאהאָלפן.

פאַרשוויצטע און פאַרסאָפּעטע פאַלן מיר אַריין צו מיכאלס עלטערן. אַלע זענען דאָ אין קאָמפּלעט, אויסער האַנעטשקא און מאַריאַן. זיי פּראַווען זייער אורלויב אין האלא גאָונשעניצאָווא.

מיכאלס עלטערן זענען פאַרזאָרגט. מיר וואַרפן זיך אויף די צייטונגען. עס זענען דאָ פאַראַן „זשיטשע", „טריבונא" און „סלאָווא פּאָוסעכנע". גוט וואָס איך זע דיך ענדלעך — שרייט אויס מיכאלס מוטער — ווו ביסטו דאָס געווען ביז איצט — שטייט־צו צו מיכאלן זיין פאָטער, קלאַפּנדיק דערביי מיטן פינגער אין זייגערל.

איך האָב זיך אַרויסגערוקט הינטער מיכאלס רוקן. איך האָב געוווסט, אַז אויף מיר וועלן זיי נישט שרייען. איך האָב געזונגען ווי פון נאָטן אַרויס: „געמאַכט אַלע לעקציעס. מיכאל האָט געגעסן ביי אונדז מיטאָג. מיין פאָטער האָט אונדז אויפגעהאַלטן, ער האָט מורא געהאט אונדז אַרויסצולאָזן אַליין". איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער: — „גיט אַ קוק, אָט איז מיין פאָטערס אויטאָ! ער איז אַקוראַט פאַרשווונדן אין ראָג פון דער גאַס". איך האָב געזאָגט ליגן, נישט פאַרלירנדיק זיך אויף קיין רגע.

מיכאל איז געווען הונגעריק ווי אַ הונט, איך אויך, אָבער מיר האָבן זיך נישט מודה געווען. מיר זענען געזעסן אין קאַבינעט, געלייענט צייטונגען. ערשט איצט האָבן מיר זיך געכאַפּט. די ציוניסטן זענען אַרויס

פון זייערע לעכער. די גרויסע אויפרודערונג צווישן די סטודענטן — דאָס איז געווען די אַרבעט פון די ציוניסטן, דהיינו פון די יידן! זיי האָבן געוואָרפן אַביסל נעמען. זיך באַמיט אַרויסצורופן דעם איינדרוק, אַז זיי האָבן באַוויז־מאַטעריאַלן.

די קאַמפּאַניע אַרום דער פינפטער קאָלאָנע האָט זיך נישט איינגעגעבן. זיי האָבן נישט געהאַט ווענען צו אַרעסטירן, נישט געקאָנט איינאָרדענען קיין פּראָצעסן. זענען זיי איצט אַרויס פון דאָס ניי מיט אַ גרויסן אַלאַרם, רעדנדיק שוין דאָס מאָל אָפן און אָן אַ שלייער וועגן ציוניסטן און יידן.

מיכאלס פאָטער האָט גענומען די זאַך פיל ערנסטער ווי מיר. איצט וועלן זיין פּראָצעסן און פּראָוואָקאַציעס אויף אַ גרויסן פאַרנעם. די היינטיקע פּרעסע זאָגט עדות דערויף. איך און מיכאל האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז מסתמא איבערגעטריבן. די סימפּאַטיעס פאַר ישראל, געדעכטיקייט פאַר ישראל, קאָן מען נאָך פאַרבינדן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער דעם ענין פון „דזשיאַדי", צענזור, דעמאָקראַטיע?! דאָס איז דאָך אונדזערס אַן אינערלעכער ענין! אָבער אַ געלעכטער אָן אַ זייט. צענדליקער טויזנטער סטודענטן, די מער־הייט פּראָפעסאָרן דאַרפן זיין אַנגעפירט דורך די ציוני־סטן — וועלכע עקזיסטירן נישט. צי חוזקן זיי? ביז איצט איז נישט אַנטדעקט געוואָרן קיין שפור פון קיין ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַלע די, וואָס זענען באַ־זייטיקט געוואָרן פון דער פּאַרטיי און פון דער אַרבעט, זענען לאַנגיאָריקע קאָמוניסטישע טוערס פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. — אַ פּראָוואָקאַציע. — אַ פּראָ־

וואָקאַציע. מיר האָבן געקייט און איבערגעחזרט דאָס דאָזיקע וואָרט און מיר האָבן גאָרנישט געקאָנט באַגרייפן.

עס זענען אויסגעבראָכן שטרייקן אויפן אוניווערסיטעט. די פּרעסע האָט זיך פּשוט געוואָרפן אין ווילדן צאָרן. דאָרט ווו די מערהייט סטודענטן שטאַמען פון פּראָלעטאַריאַט, איז נישטאָ קיין שטרייק — האָבן זיי געטענהט. פּויערן און אַרבעטער אויפן אוניווערסיטעט! מען האָט אַטאַקירט די אינטעליגענץ — דאָס האָבן זיי, די דאָזיקע פאַרפוילטע אינטעליגענטן צעבאַלעוועט זייערע זינדלעך, פּאַשען זיי אויפן חשבון און עוולה פון די אַרבעטער און פּויערן, פאַר זייער פּראַצע און מי. עס זענען פאַרביי סך הכל צוויי טעג און די סטודענטן פון פּאָליטעכניקום האָבן פאַרשטרייקט. זיי האָבן אַרויסגעהאָנגען טראַנספּאַראַנטן פון פאַרשידענער גרויס, געמאַכט אויף לייוונטן און פּאַפּירן פון יעדן סאָרט, אויף וואָס עס איז נאָר אונטערגעקומען אונטער דער האַנט.

— קלוגע לאָזונגען, אַ צוואַנע יוגנט, זי לאָזט זיך נישט פּראָוואָצירן. די פאָדערונגען אין די ראַמען פון דער קאָנסטיטוציע, און סאָציאַליסטישע אין זייער אינהאַלט. — האָט געזאָגט מיכאלס פאָטער.

נעבן דעם פּאָליטעכניקום מאַסן פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג. דורך די פאַרצוימונגען ווערט אַריבערגעגעבן פּראָוויאַנט, וועש. מאַסן מענטשן אויפן פּלאַץ, אויפן טראָטואַר. געשפּרעכן, קאָמענטאַרן, סימפּאַטיע פאַר די שטרייקנדיקע.

די צייטונג „זיעלאָני שטאַנדאַר" שלאָגט פאָלקס-

פּאַרטייאישן קאַפּיטאַל. זי לויבט די סטודענטן פון דער צענטראַלער שול פאַר אגראַר־ווירטשאַפט. די רעדאַק־טאָרן טריומפירן. זיי לויבן ביזן הימל די יוגנט, וואָס איז געבוירן אונטערן שאָטן פון ליפּעס און באַרנעס, נאָר זיי זענען געטריי, זיי וועלן נישט פאַראַטן דאָס דעמאָקראַטישע פאָלקס־פוילן. „מער פויערן אין די בילדונגס־אַנשטאַלטן!״ — רופט דער כאָר פון די שרייַ־ערס. קוקט און באַוווּנדערט. אָט האָט איר אַ ביישפּיל!

נאָך עטלעכע טעג איז אָבער עפּעס קאַליע געוואָרן, ווידער עפּעס אַ ראַפינירטע אינטריגע פון די ציוניסטן. אין דער צענטראַלער שולע פאַר דאָרפישער ווירט־שאַפט איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק. די טראַנספּאַראַנטן אויף דער פראָנטאַלער וואַנט זענען אויסגעהאָנגען אַביסל אַנדערש, אויף פויעריש. פון אויבן אַראָפּ, די קאָלירן און דעקאָראַציעס פון פאָלקס־מאַטיוון. דער המון אונטן אפּלאָדירט, לויבט און לייענט: „מיר סאָלי־דאַרירן זיך מיטן אוניווערסיטעט און מיטן פּאָליטעכ־ניקום. מיר ווילן אַ נישט געפעלשטן סאָציאַליזם״.

אין הויז פון פּאַרטייאישן צענטראַל־קאָמיטעט הערשט אַ פּאַניק, זיי פאַרלירן דעם קאָפּ. עס ברענט, עס ברענט אין גאַנץ פוילן. די אַרטיקע קאַציקעס, די פּאַרטיי־עסקנים פון אויבערשלעזיען, פון אָפּאָלע און פון קראַקווו וואָרענען און דראָען. דער בעסטער אַרגומענט איז די בייטש און דער שטעקן. אין שוץ פון דער מאַכט וועלן מיר זיי צערייבן די ביינער. — נידער מיט די ציוניסטן.

עס הויבט זיך אָן אַ כוואַליע פון אַרעסטן. מען שלעפּט אַרויס אפילו קראַנקע פון די בעטן. יעטוועדע געזעל־שאַפטלעכע באַגעגעניש, יעטוועדער יוגנט־צוזאַמענ־

טרעף ביי אַ גלאָז טיי — אין פּאַרדעכטיק. אויף די צייטונגס־שפּאַלטן באַווייזן זיך נעמען פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון שטרייקן. זיי שאָקירן מיט נעמען, וואָס קלינגען יידיש. מען האָט נאָך קיינעם גאָרנישט דערוויזן, עס זענען נאָך נישט געווען קיין פאַרהערן, קיין אויספאָרשונגען. אָבער מען פאַרעפנטלעכט שוין די שולדיקע...

די אַנטיסעמיטיש־אַנטידעמאָקראַטישע העצע דויערט, יעדער שקר צו שיטן זאַמד אין די אויגן ווערט גוט געזען.

מען האָט זיך גענומען צו די אומפּאַרטייאישע און זיי לאַדט מען איין אויף אָפענע אומפּאַרטייאישע פאַרזאַמלונגען. יעדער קאָן נעמען אַ וואָרט. ענדלעך זענען פאַראַן טעמעס, וואָס האָבן אויפגעהערט צו זיין טאַבו:

יידן אין דער פּרעסע

יידן אין פילם

יידן אין טעאַטער

יידן האָבן באַהערשט דאָס עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבן

יידן האָבן אָקופּירט די הייליקע ערד.

מיכאלס פּאַטער האָט גלייך קאָמענטירט די דאָזיקע טענות פון דער פּרעסע. — אויב איך האָב נישט קיין טעות, זענען דאָס טעזיסן פון אַ רעפעראַט, וואָס געבעלס האָט געהאַלטן אין יאָר 1934 בעת זיין באַזוך אין וואַרשע. מיט דעם אונטערשיד, וואָס ער האָט זיי אַרויסגעברענגט אַ סך עלעגאַנטער, מיט מער חן ווי זיי. מען דאַרף מודה זיין, אַז אונדזערע נאָכפאָלגערס זענען אפילו צו זיינע פּיאַטעס נישט דערוואַקסן.

* * *

אַ געוויסן טאָג האָב איך אַריינגעקוקט מיין פאָטער אין די אויגן — און אַ פרעג געטאָן: וואָס ביסטו, טאַטע, אַ ייד צי אַ פּאָליאַק? — זאָג, איך בעט דיך, איך וויל וויסן.

— וואָס איז געשען? — דער פאָטער האָט מיר צוגעלייגט זיין האַנט צום שטערן. — צי האָסטו נישט אַמאָל קיין היץ, טאָכטער?

קיין היץ האָב איך נישט, אָבער אַ שמערגל קאָן מען קריגן פון אייך. וואָס האָט איר אָנגעמאַכט? איר האָט געקעמפט, געשאָסן. ווו זענט איר אַלץ נישט געווען! איר האָט געקעמפט פאַר פרייהייט — „פאַר אונדזער און אייער" פרייהייט און גלייכהייט. אין דעם נייעם פוילן וועט זיין אַנדערש, ס'וועט זיין בעסער. זאָג, פאָטער, איך הער דיך.

— דו זאָגסט דעם „פּאַטשיעזש", דער הייליקער קריס-טוס הענגט איבער דיין קאָפּ, מיר גייען אין קלויס-טער — אַלע, די מאַמע, איך, דער זיידע און די באַבעשי.

— אָבער דו ביסט דאָך אַ ברונעטער, דער זיידע אויך, איר שטאַמט פון פויזנער קאַנט.

— אַוודאי, באַשיע. די פּאָזנאַניאַקעס זענען באַוווסט אַלס פאַרביסענע קאַטאָליקן.

— טאַטע — זאָג איך — זאָג דעם אמת, האָב נישט מורא. עפּעס האָב איך דאָך געהערט וועגן אונדז. איך האָב זיך אויך לעצטנס אָנגעהערט פאַרשידענע גע-שיכטעס. די באַבעשי, דיין מוטער, טראָגט דעם נאָמען איזאַבעלאַ. און איזאַבעלאַ איז אַ יידישער נאָמען.

דער פאָטער האָט זיך צעבייזערט, מיט רעש אָפּגע-רוקט די שטול. עס איז מיר געוואָרן אומהיימלעך, איך

האָב שיער נישט אָנגעהויבן וויינען. דער פאָטער האָט זיך באַרואיקט, געזען אַז איך בין פאַרזאָרגט, האָט ער זיך באַהערשט.

— איך בין אַן אומפּאַרטייאישער, איך באַשעפטיק זיך נאָר און אויסשליסלעך מיט מיינע אייגענע ענינים. עס גייט מיך גאָרנישט אָן וואָס עס קומט פאָר ביי זיי. איך ווייס, אַז עס וועלן זיין שוועריקייטן מיטן וויטער־דיקן לערנען, ווייל דו ביסט אַ טאָכטער פון אינטעלי־גענטן. מיר האָבן דיך שוין פון לאַנג צוגעגרייט צו שטודירן אין פראַנקרייך. און וואָס שייך די יידן, ווייס איך, אַז זיי זענען פון תמיד אָן דאָס כפּרה־הינדל. איך פּערזענלעך וועל זיך נישט לאָזן אָנציען — איך בין קלוגער געוואָרן. איך וויל נישט אַריינשטופּן מיינע פינ־גער אין דער טיר.

איך האָב אָבער נישט אויפגעגעבן. דער פאָטער האָט מיך שטאַרק ליב. מיר האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט.

— טאַטעשי — זאָג איך — אין דער פּויזנער וואָיע־וואָדשאַפט איז אַמאָל געווען אַ גרויסע קאָנצענטראַציע פון יידן. נאָך מיט יאָרהונדערטער צוריק האָבן זיי זיך מאַסנוויז אָפּגעשמדט. מען באַגעגנט אין דער דאָזיקער געגנט אַ סך פּנימער מיט יידישע שטריכן. מאַריאַ, עסטעראַ, ראַכעלאַ, איזאַבעלאַ, יאַקוב, שימאָן, טאַדע־אוש, מאַטעאוש, טאָמאַש, אַזעלכע נעמען טרעפט מען אָפט צווישן די פּאָליאַקן. אפילו פאַמיליע־נעמען זאָגן עדות וועגן דער אָפּשטאַמונג. יידן פלעגט מען אין אַ סך פאַלן צוטיילן דעם נאָמען פון דעם חודש, אין וועלכן זיי האָבן אָנגענומען דעם שמד. ווי למשל, מאַיעווסקי,

סטיטשניעווסקי, לוטאָסלאַווסקי, טשערווינסקי, שער־פינסקי.

— גאָט מיינער! — דער פּאָטער האָט פאַרבראָכן די הענט. — פון וואַנען נעמען זיך צו דיר אָט די געשיכ־טעס. איך האָב שוין לאַנג מיט דיר נישט גערעדט. — אַ שאַד, אַ גרויסער שאַד, פּאָטער.

— פאַריקע וואָך בין איך געווען מיט קאַשיא ביים גלח קלימטשאַק. מיר האָבן געשמועסט וועגן די לעצטע געשעענישן, וועגן יידן, וועגן אַזאַ אָדער אַנדערער אָפּ־שטאַמונג. דער גלח האָט אונדז אויפגעקלערט, אַז נאָכן אָננעמען דעם שמד ווערט יעדער פּרעמדגלויביקער צוגלייך מיט גאָט. ביי היטלערן האָט אַ ריינער אַריער געקאָנט זיין אַ קריסט ערשט פון פערטן דור. עס איז באַוווסט, אַז אין וואַרשעווער געטאָ זענען אומגעקומען עטלעכע גלחים נאָר דערפאַר, ווייל זייערע זיידעס האָבן אָנגענומען דעם שמד נאָר מיט איין דור פריער. אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים איז יעדער בירגער גלייך און יעדער איינער גיט אָן זיין נאַציאָנאַליטעט! — האָב איך אויסגערופן. דאָס ווייסט יעדער איינער, אַזוי האָט מען אונדז געלערנט אין דער שולע.

— וועגן וואָס אַלזאָ גייט עס דיר, צוליב וואָס ביסטו געקומען? — האָט דער גלח קלימטשאַק געפרעגט. איך האָב געענטפערט דעם גלח, אַז מיר לעבן איבער דאָס אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום אונדז. דער גלח האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט, אַז ער ווייסט וועגן אַלץ.

— ביי אונדזערע קאָמוניסטן — האָט ער געזאָגט — זענען פאַראַן אַ סך סתירותדיקע טענות און פעסטשטע־

לונגען, שווער צום אונטערשיידן וואָס זיי מיינען ערנסט און וואָס עס איז אין דער אמתן נישט מער ווי ביליקע פּראָפּאַגאַנדע. עס איז שוין פון לאַנג באַוווסט, אַז די טעאָריעס וואָס זיי פּרעדיקן שטימען נישט מיט זייער אויפפירונג, מיט זייערע האַנדלונגען. זינט אַ לענגערער צייט איז די האַנדלונג אין באַצוג צו די יידן אַ פאַר־לייקענונג פון דער טעאָריע פון סאָציאַליזם.

זייער ווייניק יידן זענען פאַראַן אין פּוילן. איך מיין די וואָס האָבן זיך אָפיציעל באַצייכנט אַלס יידן. די מערהייט ענטפערט אין די אַנקעטעס זינט יאָרן — פּוילישע נאַציאָנאַליטעט. אין איינקלאַנג מיטן געזעץ זענען זיי פּאָליאַקן. אין דער פּראַקטיק איז אָבער אַנדערש. די פּאַראַפּיע־ביכער ווערן דורכגענישטערט דורך די אַנגעשטעלטע פון דער „יידישער אָפּטיילונג" ביים זיכערהייטס־דינסט. יעדער טובלונגס־אַקט, יעדער שמד ווערט געניוי קאָנטראָלירט. מען זוכט אויס יידן „פון אונטער די נעגל". קיין שום רעזשים האָט נישט אַזוי שטאַרק געזוכט דעם טראָפּן יידיש בלוט, ווי איצט אין פּוילן. — און ביי דער געלעגנהייט דאַרף אונטערגע־שטראָכן ווערן, אַז די אונטערזוכונגען זענען נוגע נישט בלויז יידן, נאָר אויך אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן און ראַסן. דאַקעגן זענען די קריטעריעס, וואָס די מאַכט־אָרגאַנען און די פּאַרטיי ווענדן אָן לגבי יידן — אַן אומרעכט.

לויט די אונטערזוכונגס־מעטאָדן פון דער מאַכט זענען דאָך פאַראַן זייער אַ סך יידן אין פּוילן. דאָס אָפּ־שמדן יידן איז אַנגעגאַנגען זינט דער סאַמע אַנטשטיי־אונג פון אונדזער מלוכהשקייט.

— אָבער וואָס האָבן מיר, וואָס האָט אונדזער משפּחה צו טאָן מיט דעם אַלעם? וואָס איז מיט דיר, באַשיאַ, צוליב וואָס אינטערעסירסטו זיך מיטן דאָזיקן פּראָבלעם?
— האָט מיט גרויס אומגעדולד אויסגערופן דער פֿאָטער.

— דו זעסט, טאַטעניו — האָב איך אים אַ גלעט געטאָן מיט דער האַנט — מיר שטאַמען פֿון פּויזן, אונדזער פֿאַמיליע־נאָמען איז טאַקע אַ ריין פּוילישער. אָבער אַ סך יידן טראָגן אַזאַ נאָמען. דער גלח זאָגט, אַז עס זענען פֿאַראַן אַ סך מיוחסדיקע פּוילישע פֿאַמיליע־שטאַמען, וואָס אין זייערע אָדערן פֿליסט יידיש בלוט.

— גוט, לאָמיר אַננעמען אַז דו און דער גלח און דיינע חברטעס זענען גערעכט. אָבער מיר זענען באמת נישט קיין יידן.

* * *

אַ געוויסן אָוונט האָבן מיר זיך פֿאַרזאַמלט ביים טעלעוויזאָר. מיט שפּאַנונג האָבן מיר דערוואַרט די אָנגעזאָגטע רעדע פֿון גאָמולקאַ. דער זאַל פֿון קולטור־פּאַלאַץ איז געווען אָנגעפּראָפּט ביזן לעצטן בענקל. צו אונדזער איבעראַשונג — טראַנספּאַראַנטן אויף די ווענט פֿון זאַל. ציוניזם, סטודענטן, כוליגאַנעס, רע־אַקציע — אַלץ צוזאַמען. עס האָט זיך אויסגעמישט „בידער!" און „פֿאַר", און צווישן די לאָזונגען אויך — „וויעסלאָוו, גיכער, גיכער, שנעלער!" דאָס איז געווען דער פּאָסטולאַט. אַ סך האָבן דערוואַרט, אַז דער פּירער וועט לינדערן, שטילער מאַכן די אַרויסגערופֿענע אַנטי־יידישע העץ־קאַמפּאַניע. מען האָט גערעדט וועגן דעם, אַז ער האַמעוועט מאַטשאַרן. די לעגענדע האָט דער־

ציילט, אַז עס פירט זיך אַ געראַנגל צווישן זיי. פאַר קלאָרקייט וועל איך שילדערן אַ פראַגמענט פון גאָמול־קאַס רעדע:

„די ערשטע איז אַרויסגעטראָטן די סטודענטקע לאַסאָטאַ, — גאָמולקאַ האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעריסן זײַנע אויגן פון דעם טעקסט, האָט אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם און האָט פּלוצלונג צוגעגעבן: — די סטודענטקע לאַסאָטאַ, פון דער היים הירשאָוויטש". נאָך לאַסאָטאַ זענען אַרויסגעטראָטן צוויי סטודענטן פּאָליאַקן. דער זאַל האָט גוט פאַרשטאַנען... ער האָט אַ הוליע געטאָן אין ווילדן עקסטאַז־געשריי — „נידער! נידער!". די „אַקטיוויסטן" זענען גוט צוגעקליבן געוואָרן.

לאַנג האָט ער געפּאַכעט מיט דער האַנט ביז ער האָט באַנייט זײַן רעדע. די צווייטע סענסאַציע איז געווען בנוגע דעם גוט באַקאַנטן און אַלגעמיין געאַכטעטן שרײַבער פּאַוועל יאַשעניצאַ. אויף דער לעצטער פאַרזאַמלונג פון דעם ליטעראַטן־פאַריין האָט ער פאָרגעלייענט די רעזאָלוציע, וואָס איז אַנגענומען געוואָרן דורך דער מערהייט:

אין דער פראַגע פון מיצקעוויטשעס דראַמע „דזשיאַדי"

אין שוץ פון דער אַקאַדעמישער יוגנט

אַ פּראָטעסט קעגן דער אָפיציעלער אַנטיסעמיטישער העצע.

גאָמולקאַ האָט אין אַ געוויסן מאָמענט אים אָנגערופן אַלס מערדער, וועלכער איז געוואָרן אַמנעסטירט פאַר זײַנע פאַרדינסטן אַלס מוסר. ער האָט אים דערלײדיקט פונקט אַזוי ווי די סטודענטקע לאַסאָטאַ. ער האָט געגעבן

צו פֿאַרשטיין: — יאשעניצא ווייסט, ער ווייסט זייער גוט, פֿאַרוואָס ער האָט גענאָסן פֿון דער אַמנעסטיע... פֿאַר וואָס פֿאַרא פֿאַרדינסטן מען האָט אים אַרויסגעלאָזט פֿון דער תפיסה...

— געמיינער שאַנטאַזש — האָט אויסגעשריען מיכאלס פֿאָטער. — גענוג.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט פֿאַרלאָשן דעם טעלעוויזאָר. איך בין געווען דערשיטערט. צום ערשטן מאָל האָב איך אים געזען אַזאַ שטאַרק דענער־ווירטן.

מיר האָבן זיך צוגעזעצט צום אָוונט־עסן. איך און מיכאל האָבן מיר געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט, זיכער וועלן מיר זיך היינט דערוויסן עפּעס נייעס.

— גענוג מיט די אילוזיעס. נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן זיי. נישטאָ וואָס זיך צו פּילפּלען. גאָמאָלקא ווייזט דעם וועג. איך בין זיכער, אַז לאַסאָטאַ האָט ערשט נעכטן זיך דערוווסט וועגן דעם, אַז אירע עלטערן האָבן געהייסן הירשאָוויטש — האָט דער פֿאָטער אַרויסגע־פּלאַצט מיט איין אָטעם.

— ווען מען איז דאָס נויטיק, פֿאַרוואָס האָט ער אַזוי געזאָגט? — האָט אַ פֿרעג געטאָן מיכאל.

דער פֿאָטער האָט אים דורכדרינגלעך אָנגעקוקט, אַריבערגעפֿירט דעם בליק אויף יעדן איינעם פֿון אונדז, אַריינגעקוקט אין פֿענצטער. ווידער אַ קוק געטאָן אויף אונדז.

— גאָט מיינער, פֿאַרוואָס פֿאַרשטייט איר נישט. דעם נאָמען הירשאָוויטש האָט ער דערמאָנט כּלומרשט ווי אומגערן. נישט דערפֿאַר אַז זי זאָל זיך דערוויסן.

ער האָט געוואָלט מיטן דאָזיקן קליינעם עפּעקט אַרויס־רופן דעם איינדרוק, אַז דאָס שטייען יידן אין שפּיץ פון די סטודענטן־אומרוען. עס גייט אין דעם, אַז דער דאָזיקער געדאַנק זאָל איינגעפּלאַנצט ווערן אין די מוחות פון מיליאָנען טעלעוויזיע־צושויערס.

צומאָרגנס איז אין די צייטונגען קיין וואָרט נישט געווען וועגן הירשאָוויטש. עס איז נאָר אָנגעגעבן געוואָרן, אַז די רעזאָלוציע האָט געלייענט די סטודענטקע לאַסאָטאַ. עס איז אפילו נישט דערמאָנט געוואָרן, אַז נאָך איר זענען אַרויסגעטראָטן צוויי פּאָליאַקן. דער זאַץ וועגן לאַסאָטאַ איז געוואָרן איבערגעאַרבעט. עס באַשטעטיקט זיך — די פּרעסע זאָגט ליגן. די פּרעסע זאָגט ליגן — האָט מען געשריען אין די קלאַסן.

צי האָט גאָמולקאַ זיך אַליין צענזורירט? ווידער האָט זיך די דערציעריין געפונען אונטער אַ קרייץ־פייער פון פראַגן. זי האָט פאַרבראַכן די הענט. זי האָט געקוקט אויף אונדז מיט אַ בליק פול מיט אויסדרוק. מיר האָבן פאַרשטאַנען, געלאָזט זי צורו. דער פּאָטער איז געווען גערעכט, די דאָזיקע ווערטער זענען געווען באַשטימט פאַרן אינערלעכן געברויך.

ביי מיכאלן אין קלאַס איז געווען אַנדערש. די פּראָפעסאָרין פון פּויליש האָט אויף דער קאָנפערענץ פון קוראַטאָריום דערקלערט: „נישט צוליב דעם האָב איך געראַטעוועט יידן בעת דער אָקופּאַציע, כדי איצט צו אַפּלאָדירן די קאַנאַליעס... פינף פּראָפעסאָרן האָבן געשטימט קעגן דער שקרדיקער רעזאָלוציע. די לערער־שאַפט איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַ דערנידעריקטע, אַ צעבראָכענע, אַן אנגעשראָקענע.

די נאָגאַנקע ווערט אַלץ שטאַרקער. אַלע העצן, דער פּרעמיער און זיינע פאַרטרעטערס יאַראָשעוויטש און שיר. דער פּרעזעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען בלייבט אויך נישט הינטערשטעליק. זיי שיידן זיך אונטער איינער פון דעם אַנדערן נאָר אין דער אויס־שפּראַך, לויטן אינהאַלט זענען דאָס גאָמולקאָס רעדעס.

מען זוכט די שולדיקע. האָבן זיי אַלזא געפונען. „באַ־בעל״ — דער כמעט פאַר קיינעם נישט באַקאַנטער קלוב פון דער יידישער יוגנט. אַ נייע בשורה. דיסקו־סיע־אָוונטן וועגן ישראל. זיי האָבן אויסגעפייפט אַ רע־דאַקטאָר פון עפּעס אַ וואָכנבלאַט. געטאַנצט ביז שפּעט. געפירט אַן אונטערגראָבערישע ציוניסטישע אַרבעט. אַ פאַקט, עס זענען געקומען אַהין אויך פּאָליאַקן. איז אַלץ שוין דעריבער קלאָר: דער ציוניזם האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטערן מאַנטל פון אינטערנאַציאָנאַ־ליסטישער טעטיקייט.

אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַראייניקטער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי גייט אָן אַ קאַמף. איך ווייס גאָרנישט קאָנקרעט. מיכאל האָט זיך עפּעס וואָס דער־ווּסט. עס האַנדלט זיך וועגן פּרעזידענט אָכאַב, וועגן ראַפּאַצקי און עטלעכע מיניסטאָרן.

די לעצטע טעג פאַר דער מאַטורע. מיר ווערן אומ־רואיק. אַלץ אָפטערע קינדיקונגען, מיר האָבן מורא וועגן די עלטערן. דער דירעקטאָר פון מיין שול האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין די דאָזיקע טעג. מען האָט אים אַרויסגעשיקט אויף אַ פּריצייטיקער עמעריטור... ביי מיכאלן איז דער גורל פון דער מוטיקער פּראָפעסאָרין שוין אַ געחתמעטער. עס גייען אויך אַרום

קלאַנגען, אַז זיין דירעקטאָר איז אַראָפּגענומען געוואָרן.

ביי מיכאלס מוטער אין שפּיטאָל איז אַ גהינום. יידן, ציוניסטן, יידן, און אַזוי אָן אַ סוף. די פלעגערין רחל מיאַדאָווניק, וועלכע איז באַוואָרפן געוואָרן מיט אַ האָגל פון רייד אויף דער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, האָט זיך פאַר־טיידיקט: „איך וועל נישט טאַדלען מיין זון דערפאַר ווייל ער האָט אַנטיילגענומען אין די סטודענטישע דע־מאָנסטראַציעס און מיטינגען. מיין יינגל איז אַ גוטער זון. ער רוימט, וואַשט, און אויב עס איז נויטיק, קאָכט ער אויך. איך בין שטאָלץ מיט מיין זון און איך וועל נישט טאַדלען מיין קינד".

די קראַנקן־שוועסטער מיאַדאָווניק האָט געאַרבעט צוואַנציק יאָר אין שפּיטאָל. זי איז אויסגעשלאָסן גע־וואָרן פון דער פּאַרטיי. אויפצומאָרגנס האָט זי באַקומען אַ תּיכּפדיקע קינדיקונג פון דער אַרבעט.

מען האָט באַזייטיקט אַ דאָקטאָרין פון דעם זעלבן שפּיטאָל. די סיבה — אַ פּאַציענטקע האָט אַנגעשריבן אַן אַנקלאַגע, אַז זי באַהאַנדלט זי ערגער פון פּאַציענטן יידן. די העצע גייט אָן אין דעם פּאַרטייאישן היסטאָרישן אינסטיטוט. יונגע אַדעפּטאַנטן, היסטאָריקער פון מאַרק־סיזם, בייסן אַרויס אַלטע קאָמוניסטן יידן.

די פּרעסע באַנוצט זיך מיט די גרעסטע שקרים. אין ראַדיאָ און אין דער טעלעוויזיע פאַרעפּנטלעכט מען נאָר די נעמען פון מענטשן אויף די הויכע פּאָסטנס.

גענעראַל זאַזשיצקי, דער שטאַט־פּרעזידענט פון וואַרשע, באַזוכט ווי געוויינלעך זיינע יידישע פריינט. נישט געקוקט אויף די וואָרענונגען האָט ער זיך נישט צוגעפּאַסט צו די נייע פאַרלאַנגען. פּלוצים האָט זיין

טאָכטער זיך געפונען אויף די שפּאַלטן פון די צייטונ־גען. „פּאַר אַנטיילנעמען אין אַ דעמאָנסטראַציע איז זי געוואָרן אַרעסטירט". נאָך עטלעכע טעג האָט זיך וואַרשע געקייקלט פון געלעכטער. ווי אויף צו להכעיס די פּראָפּאַגאַנדיסטן איז די ידיעה דערשינען אין דער פּראַנצויזישער פּרעסע. די טאָכטער פון גענעראַל זאַ־זשיצקי געפינט זיך זינט אַ לענגערער צייט אויף אור־לויב אין פּראַנקרייך...

ווער האָט נישט געהערט וועגן דעם ראַפּאַצקי־פּלאַן. מיניסטער ראַפּאַצקי איז געזונט, ער שפּאַצירט אויף די אויאזדאָווער אַלעען און אין דער אומגעגנט. דאָך איז עפּעס געשען. ער קומט נישט צו דער אַרבעט, ער אַמ־טירט נישט. די פּרעסע שווייגט. אויף פּאַרזאַמלונגען אינפאָרמירט מען, אַז דער חבר ראַפּאַצקי איז שווער קראַנק.

עס איז אַקוראַט אדורכגעלאָפן די נייעס. אין יענע טעג האָט יעדער מיניסטער באַקומען אַ רשימה פון קינדיקונגען. די מחברים פון די רשימות זענען געווען אין אינערן־מיניסטעריום און אין דער פּערסאָנעלער אָפּטיילונג פון צ.ק.

ראַפּאַצקי, אַ גוט דערצויגענער מאַן, שטענדיק אַ העפ־לעכער, האָט דאָס מאָל געהאַלטן שטייענדיק דעם „פּער־סאָנאַלן שעף" פון מיניסטעריום. ער האָט אויפמערקזאַם געלייענט די רשימה. דווקא די דאָזיקע דאַרף ער קינ־דיקן. ער האָט געקוקט די מענטשן פון יאָרן. עס איז באַוווסט פּאַרוואָס...

ער האָט געלייענט איין רובריק נאָך דער אַנדערער אַזש ביזן סוף. נישט איילנדיק זיך האָט ער אַרויס־

גענומען זיין פילפעדער. האָט צוגעשריבן נאָך אַן אָרדע־נונגס־נומער ביים סוף פון דער רשימה, און אין דער רובריק „נאָמען און פאַמיליע" האָט ער אויסגעפּילט מיט דייטלעכער שריפט: אַדאַם ראַפּאַצקי...

נאָכדעם האָט ער באַלייגט זיין אונטערשריפט מיט דער גאַנצער ערנסטקייט. די קלאַמקע האָט זיך צוגע־מאַכט. דעם לאָזונג: „פּאַקט איין אייער געפּעק, עס נעמט שוין צו אייך אַן עק" — האָט מען געקאַנט לייענען אין דעם וויטרינע־פענצטער פון דער פאַרבאַנד פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט אויפן עק פון די אויאַזדאַ־ווער אַלייען און „אַלעיאַ רוזש".

אייניקע מיניסטאָרן האָבן זיך געוואַקלט, זענען נישט אַרונטערגעפאַלן אונטערן צויבער פון די רעדעס פון גאָמולקאַ עט קאָמפּאַני. די מערהייט מיטגלידער פון מיניסטאָרן־ראַט האָט אָבער געהאַרכזאַם אויסגעפּילט די באַפעלן. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן פּליטיקייט און איניציאַטיוו.

עס איז נישטאָ קיין געבעט, וואָס זאָל נישט האָבן גע־טראָפן געוואָרן פון דער רייניקונג. מען האָט זיך גלייך גענומען צו דער ליקווידאַציע פון די יידישע אינסטי־טוציעס. עס זענען אויך באַזייטיקט געוואָרן די וואָס האָבן געטריי אויסגעפירט אַלץ וואָס די מאַכט האָט פון זיי פאַרלאַנגט — און איצט האָט מען זיי געוואָרפן צו די הינט... פאַר קינדער, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין אין די שפּורן פון זייערע טאַטעס.

מענטשן ווערן באַזייטיקט פון אומעטום, פון אַלע צווייגן. באַזונדערס פאַליאַקן, וואָס זענען באַקאַנט אַלס אַזוי גערופענע „דעמאָקראַטישע לינקע" אויפן ערשטן

פייער גייען די אוניווערסיטעטן און זייערע פֿאַרגעשרי־
טענע פּראָפֿעסאָרן. נאָר אין מאָטשאַרס מיניסטעריום
הערשט רו. קיינער ווערט דאָרט נישט באַזייטיקט. ער
האָט זיך שוין פֿון לאַנג באַפֿרייט פֿון דעם רעשטל
יידן. עס זענען געבליבן די לעצטע מאהיקאַנער — די
נויטיקע דאָקטוירים אין געזונטהייטס־דינסט. נישט גע־
קוקט דערויף זענען זיי נישט זיכער מיטן מאָרגן. מיכאלס
מוטער דערוואַרט יעדן טאָג, צו יעדער מינוט אַ באַפֿריי־
אונג פֿון פּאָסטן. זי פֿילט זיך ביטער — זי מוז זיך
באַטייליקן אין די פֿאַרזאַמלונגען, מוז אויסהערן אַלע
נאַרישע רעפֿעראַטן. נעכטן האָט מען אַרומגערעדט די
לאַגע אין טשעכאָסלאָוואַקיע, פּראָוואָקאַטיווע טענער.
מען האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז די מאַנעוורן פֿון די
אַרמייען פֿון וואַרשעווער פּאַקט זענען נישט קיין צופֿע־
ליקע. עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאַי־קאַמפּאַניע. אַרויס־
געלאָזט נייע לאָזונגען, אַפּעלן צו דער יוגנט. די פּראָ־
צעסן פֿון גרעסערן קאַליבער אָפּגעלייגט. יומטוב איז
יומטוב, אָן פּראָפּאַגאַנדע. נישט רייצן די מאַסן אין די
פֿאַראַדן — אַזוי האָט די דאָזיקע צוגרייטונגען פֿאַרשטאַ־
נען מיכאלס פֿאָטער.

ביי מיכאלן אין דער היים אַ גרויסע אויפֿרודערונג.
עפּעס אומגעוויינלעכעס איז געשען. די עלטערן האָבן
רעזיגנירט פֿון דעם אורלויב אין יוגאָסלאַוויע. די דע־
וויזן, וואָס זיי האָבן דערגרייכט מיט גרויסע אַנשטרענ־
גונגען, זענען נישט אויסגעקויפֿט געוואָרן.

מיר קומען זיך צונויף ביי די גראַבסקיס. אַ וואונדער־
באַרער ווינקל, זיי וווינען שוין דעם דריטן חודש אין אַן
אייגענער וווינונג. האַנעטשקאַ האָט אַנגעטאָן אַ פּאַר־

טעכל מיט פאַלדן, מאַריאַן טראָגט אַ מין רעקל, אין וועלכן ער זעט אויס ווי אַ לאַקאַי, אַ באַדינער. עס פעלן אים נאָר באַקנבערד אַ־לאַ סטאַנגרע... מיכאל איז גרייט אים דאָס צוצוקלעפּן אויף די באַקן פון קנוילן וואַטע, געפּאַרבטע אויף שוואַרץ. מיר רכילעווען, שמו־עסן ווי קיינמאָל ביז איצט וועגן פּאָליטיק.

— עס קלינגט דער טעלעפאָן — עס רעדט מיכאלס מאַמע, פרוי פעליציאַ.

— וואָס — שרייט אויס האַנעטשקא — אין אַפּריל פּאָרט איר אויף אורלויב, אַנשטאַט קיין יוגאָסלאַוויע. מאַריאַן נעמט אַוועק דאָס טרייבל פון האַנעטשקאַס האַנט. ער עצהט צו פאָרן אין אויגוסט, אַזוי ווי יעדעס יאָר. אַפּריל איז קיל און פייכט. ער עצהט זיך צו פאַרטראַכטן.

זיי פאָרן אַרויס דעם 15־טן קיין זאַלעוו זעגזשינסקי. מאַריאַן האָט אַוועקלייגנדיק דאָס טרייבל אַ מרוקע געטאָן — אויסטערליש, עפּעס מאַכט זיך דאָרט. איך פאַרשטיי נישט פון דעם קיין זאַך. איך מיין, אַז עפּעס באַהאַלטן זיי אויס פאַר אונדז — האָט אויסגעשריען האַנעטשקא.

מיכאלס עלטערן זענען אַרויסגעפאָרן. מיר באַזוכן זיי. זיי וווינען אין אַ שיין הייזעלע איבערן וואַסער. אַ קעלט בלאָזט פון דעם איינגוס. די אַפּריל־זון וואַרעמט שוואַך. די עלטערן באַמיען זיך אַרויסצווייזן פריילעכקייט. דאָס שמייכלען זייערס איז ווי אַרויסגעצוווּנגען.

אין שטוב איז ליבלעך היימיש. דאָס עלעקטרישע איוועלע וואַרעמט גוט. די עלטערן זענען אונדז מכבד מיט נאַשוואַרג און מיט אַ קליין גלעזעלע קאָניאַק. זיי

זענען סענסיטיוו, זיי באַציִען זיך צו אונדז ווי צו דער־וואַקסענע.

מיר רעדן וועגן דער מאַטורע און וואָס מיר וועלן טאָן נאָכן באַלייגן זי. מיר ציִען זיי אַריין אין אַ שמועס אויף אַלגעמיינע טעמעס. זיי הערן און פאַרשטענדיקן זיך מיט די אויגן. זיי פירן זיך אויף נישט ווי געוויינלעך, איילן זיך נישט אַרויסצוברענגען דאָס וואָס זיי טראַכטן.

דער ערשטער מאַי איז דורכגעגאַנגען אין וואַרשע רואיק. ערגעץ ווו האָט מען אויסגעמאָלן אויף די ווענט אַ לאָזונג, עס האָבן זיך באַוויזן פלוג־בלעטלעך, אָבער קיין שום ספּעציעלעס איז נישט פאָרגעקומען.

אין וורצלאַוו דאַקעגן איז געווען שטורמיש. עס זע־נען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען קלאַנגען וועגן סטודענטן־דעמאָנסטראַציעס. עטלעכע טעג שפּעטער זענען זיי באַשטעטיקט געוואָרן דורך אויסלענדישע ראַדיאָס. דעם ערשטן מאַי איז הער איגנאַצי נישט געגאַנגען ווי גע־וויינלעך אויפן פאַראַד. ער האָט באַזוכט זיינע באַקאַנטע, וואָס האָבן עטלעכע טעג שפּעטער געזאָלט אַרויספאָרן קיין ישראל. נאָכמיטאָג איז ער אַוועקגעפאָרן צו דער בוכטע.

נאָך דעם יומטוב פון ערשטן מאַי האָבן די קינדי־קונגען אָנגענומען אַ נייעם שוווּנג. מען באַפרייט אומ־באַקוועמע מיניסטאָרן. צווישן אַנדערן דעם מיניסטער סטאַווינסקי. נאָך עטלעכע טעג האָט מען צוזאַמענגערופן אַ פאַרטיי־פאַרזאַמלונג, גענומען אונטערן צימבל די לאַנגיאָריקע סעקרעטאַרקע פון דעם מיניסטער, אַן איינזאַמע, נישט יונגע פרוי. דער פאָרוואורף: צוויי־פנימדיקייט. זי איז אַ יידישקע און זי האָט זיך געשמדט.

זי האָט דערציילט וועגן אירע איבערלעבונגען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ווען מ׳האָט זי אַרויסגעפירט, האָט זי נאָך נישט געהאַט קיין אַכצן יאָר. ערשט ביים סוף פון דער מלחמה איז זי געוואָרן באַפרייט. אין אָשוויענטשים האָבן אַלע יידישע תפילות, וואָס זי האָט געקענט — פאַרפירט, אַנטוישט. אַ געוויסן טאָג האָט זי זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז אויב יעזוס וועט איר העלפן, וועט זי ווערן אַ קריסטין. נאָך דער באַ־פרייאונג איז זי געוואָרן אַ קריסטין. אין 1947 האָט מען זי צוגערעדט זי זאָל אַריינטרעטן אין דער פאַרטיי. זי איז אַריינגעטראָטן אין דער פאַרטיי וועלכע פרעדיקט נאַציאָנאַלע באַפרייאונג און סאָציאַליזם. זי נעמט ערנסט די סאָציאַליסטישע לאָזונגען. אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך געפונען שרייערס און כלערליי צוויי־פּנים־דיקע קאַריעריסטן. זיי האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי — זי האָט זיך אַריינגנבעט אין אונדזערע רייען. זי טוט וויטער דאָס זעלבע וואָס איר גאַנצער שבט. אירע נערוון האָבן נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אומגעפאַלן. די גיכע הילף האָט זי אַוועק־גענומען. אויף דער קומענדיקער פאַרזאַמלונג האָט מען זי מיט אַ מערהייט שטימען אויסגעשלאָסן פון דער פאַרטיי און באַזייטיקט פון דער אַרבעט. מיט די שטי־מען פון די פּחדנים און פאַרקויפטע.

מיכאַלס עלטערן האָבן זיך צוריקגעקערט פון דעם אורלויב. זיי זענען טרויעריק און דערשלאָגן. פרוי פעליציאַ זעט שלעכט אויס, זי האַלט קוים אויף איר געוויינלעכע שטימונג. מיר פאַלן אַריין אין אַ נייעם געווירבל פון רכילות און קלאַנגען. מען קאָן נישט

וויסן וואָס און וועמען צו גלויבן. — זיפּצט אָפּ מיכאַלס פּאַטער. עס גייען אַוועק ווייטערדיקע מיניסטאָרן. אַל־ברעכט פון פינאַנס־מיניסטעריום, שטאַכעלסקי פון געזונטהייטס־מיניסטעריום. מען האָט זיך געחכמעט: זיי האָבן געהאַט זייער אייגענע מיינונג און אַ נישט געזונטן איינפלוס אויפן גאַנג פון די באַזייטיקונגען. דער פּרעזידענט אָכאַב איז אָפּגעטראָטן. די אָפיציעלע ווערסיע — „דער געזונט־צושטאַנד". די אָנפּאַרטרויטע האָבן געוווסט, אַז ער האָט פּאַראורטיילט די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק און אַז ער האָט אַ סך מאָל אויסגעדריקט זיין קעגנערשאַפט צו איר.

עס איז אַרומגעגאַנגען אַן עקשנותדיקער קלאַנג וועגן דער דעמיסיע פון מאַרשאַל ספּיכאַלסקי. מאָטשאַר און וואָליכנאָווסקי האָבן דאָס פּאַנאַנדערגעלאָזט די רכילות. עס האָט זיך אָבער באַשטעטיקט. ספּיכאַלסקי איז אַוועק. גאָמולקאָ שטעלט איבער די פיגורן אויפן שאַך־ברעט. די זאַכקענערס פאָלגן נאָך יעדן גאַנג. מאָטשאַר איז אין דער אמתן גאָמולקעס יונגערער אדיוטאַנט. ער רופט אים צערטלעך זונעלע. ספּיכאַלסקי איז פאַרטרוילעך, מ׳קאָן אויף אים זיך פאַרלאָזן אין יעדער סיטואַציע. ביידע זענען אים נויטיק. זיי בייסן זיך אָבער אַרום זינט יאָרן. צווישן דעם יונגערן און דעם עלטערן אדיוטאַנט ברעכט אויס אַ פאַרשטעלטע מלחמה. אין דער אונטערגראָבונגס־מלחמה ווערן אַנגעווענדעט אַלע מעגלעכע פאָרטלען. מאָטשאַר פאַרמעסט זיך שוין זינט יאָרן וועגן אַ נאָענטערן אָרט צו גאָמולקאָן. ענדלעך איז אים אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט. מאָטשאַר האָט קענטיק אַנטדעקט עפּעס אַ פאַרדעכטיקן טראָפּן פון

בלוט. ער האָט אַלזאָ געמאַכט ספּיכאַלסקין פֿאַר אַ ייִד — האָט געזאָגט מיכאלס פּאָטער. צווישן די וויצן וואָס מען האָט דערציילט אין וואַרשע, איז אויך געווען דאָס ווערטל, אַז „מאָטשאַר אין מונדיר פֿון אַ מאַרשאַלעק זעט אויס ווי אַ גאָריל אין אַ טאָגע פֿון אַ גלח אַ קאָפּוציִנער“.

עס קומט אַ ווייטערדיקע ענדערונג אין דעם מאַריאָנעטן־טעאַטער. מאָטשאַר פֿאַרלאָזט זיין אַמט אַלס ליידער פֿון זיכערהייטס־דינסט, ווערט אַריבערגעפֿירט אין סעקרעטאַריאַט פֿון צ.ק. נעמט איבער דיזן פּאָסטן פֿון וולאַדיסלאַוו וויכאַ, וועלכער האָט קענטיק נישט אַרויסגעוויזן קיין גענוגנדיקן פֿלייס. מיכאל מיטן פּאָטער האָבן געשפּילט אין שאַך, איך בין געזעסן ביי דער זייט. דער קאָפּ איז מיר שווער געווען פֿון מידקייט, אָבער יעדער גאַנג פֿון די פֿיגורן האָט עפּעס באַדייט, ביי יעדן רוק אויפֿן שאַך־ברעטל האָב איך געהערט אַ קאָמענטאַר:

— מאָטשאַר ציט אַרויף אויף זיך אַ שוואַרצן גאַרניטור פֿון אַ פּאַרטיי־דיגניטאַר, דאָך האָט ער עפּעס פֿאַרשפּילט — טראַכט דער פּאָטער אויפֿן קול. — ער איז געבליבן אָן אינערלעכע אַרמייען, אָן דעם זיכערהייטס־אַפּאַראַט, אָן דער מיליץ און אָן דער געליבטער אַרמאָ. מאַרשאַל ספּיכאַלסקי גייט דאָס מאָל אַרויס אויף דער סצענע אָן דער אַרמיי, אָן דעם שפּיאָנאַזש און קאָנטער־שפּיאָנאַזש. דער ערשטער האָט נישט אַריינבאַקומען די בולאַווע, דעם צווייטן איז צוגעפֿאַלן די בלויזע רעפּרעזענטאַנץ. ביידע זענען דערווייל אַרויפֿגעשליידערט געוואָרן אויבן־אַרויף אויף הויכע פּונקציעס — אָן פּאַקטישער מאַכט.

דערווייל האָט מיכאל פאַרלוירן אויפן שאַך־ברעט אַ פערד. דער פאָטער האָט אים אַוועקגעשטעלט אַן אַ זייט און געזאָגט: די אַרמיי האָט פאַרלוירן אַן ערשט־ראַנגיקן, הויך־געשעצטן מאַרשאַל...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער עקזאָדוס פון די יידן פון פוילן — די אויסוואַנדערונג איז אין פולן גאַנג. דער האָלענדישער קאָנסולאַט איז יעדן טאָג פול מיט מענטשן. וואַרטנדיק אויפן דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן, קאָן מען דערווייל אַריינכאַפּן אַ שמועס, אויסהערן די נייעסן און מאַכן דערביי אינטערעסאַנטע אָבסערוואַציעס. עס שטעלט זיך צו צום אַרויספאָרן די אינטעליגענץ. געאַכטעטע פּראָפעסאָרן, אינזשיניערן, דאָקטוירים און מענטשן פון די פרייע פּראָפעסיעס. דאָס רוב יוגנטלעכע נאָך מאַטורע און סטודענטן. מען זעט ווייניק אַרבעטער און בעל־מלאכה׳ס. זעט אויס, אַז זיי האָבן פריער פאַרויסגעזען און פאַרגעפילט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון גאָמולקא־ציראַנקעוויטש.

* * *

באַשיאַ האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעריסן איר בליק פון דעם טעקסט. זי האָט זיך געוואָנדן צום פּרעזידיום און געזאָגט: — איר זענט דאָך אַליין עדות פון דעם, וואָס פאַראַ שטראָם פון יידן עס עמיגרירט פון פוילן. אַמבעסטן ווייסט איר דאָך, אַז קיין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אין פוילן נישט געווען. דאָך פאַרלאָזן דאָס לאַנד יונג און אַלט, עס פאָרן יינגלעך און מיידלעך. באַשיא האָט אויפגעהויבן דעם פינגער. — פון מיין זייט איז דאָס אַ דיגרעסיע. צו דעם פּראָבלעם וועל איך זיך נאָך

צוריקקערן. איך וויל פאַרזעצן מיינע רעלאַציעס. איך וואָלט געוואָלט מיר זאָלן זיך באַקענען און פאַרשטיין ווי אַזוי עס האָט זיך דערוועקט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל ביי מענטשן, וואָס זענען געווען אַסימילירט אָדער פולשטענ־דיק אָפּגעשמדט. מענטשן וואָס האָבן נישט געקאָנט און נישט געוואָלט ווייטער לעבן אין באַדינגונגען פון אומ־רעכט און דיסקרימינאַציע.

מיר האָבן געהאַלטן ערב די מאַטורע־עקזאַמענס. דער לעצטער אָנשטרענג, די לעצטע צוגרייטונגען. ביי מי־כאלן אין ליצעאום האָט געזאָלט פאָרקומען אַ מאַטורע־באַל. מיכאל האָט אָנגעזאָגט, אַז ער וועט זיך נישט באַטייליקן. די סיבה איז געווען אַן אומגעווײנלעכע: דער באַל האָט געזאָלט זיין אַ געשלאָסענער, קיין מייד־לעך פון אַנדערע שולן וועט מען נישט קענען ברענגען, און מיכאל האָט געוואָלט טאַנצן נאָר מיט מיר.

דער זאַל, דאָס פּרעזידיום — אַלע האָבן זיך צעלאַכט. מיכאל האָט זיך אויפגעשטעלט, עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן. צום סוף האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. דער פאָרזיצער האָט געקלאַפּט אין טיש מיט אַ פלעשל פון קאַקאַ־קאָלאַ. ער האָט גע־רופן זיך צו פאַרהאַלטן רואיק. פלוצים האָט אויסגע־שאָסן אַ קאָרעק, עס האָט אַרויסגעזעצט אַ שוים ווי פון שאַמפּאַנער. דאָס געלעכטער האָט זיך פאַרשטאַרקט מיט אַ נייער קראַפט, האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון היי־טערקייט. ערשט אויפן צייכן פון דעם אלוף האָט דער זאַל זיך ביסלעכווייז באַרואיקט.

באַשיאַ האָט זיך געפילט אַביסל אומבאַקוועם לגבי

מיכאלן און דעם אודיטאָריום, און זי איז גלייך געוואָרן ערנסט.

— נישט וועגן דעם האָב איך געוואָלט רעדן. באַשעפטיקט מיט אונדזערע מאַטורע־קלאָפּאָטן האָבן מיר ערשט אײַנאָוונט זיך דערוווּסט, אַז האַנעטשקא איז באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט. אינמיטן דער אַרבעט איז זי אַרויסגערופן געוואָרן אין דער קאַדרן־אָפּטיילונג. דער באַקאַנטער עלטערער רעפערענט האָט, נישט קוקנדיק איר אין די אויגן, דערלאַנגט אַן אָפיציעלן בריוו. זי האָט געלייענט און די אותיות זענען איר געשפרונגען פאַר די אויגן. זי האָט איבערגעלייענט נאָכאַמאָל. באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט אָן שום אַנגעגעבענער סיבה. אַן אויפגעבראַכטע איז זי אַרײַן צום פּראָפעסאָר. ער האָט געוווּסט. ער האָט פאַנאַנדערגעלייגט די הענט. אַ העכערע קראַפט... איר דאַרפט אַליין פאַרשטיין — אַזעלכע צײַטן...

מיכאלס פאָטער האָט געהאַט אַ שטורמישע פאַרזאַמלונג. מען האָט פאַרלאַנגט פון אים אַ דעקלעראַציע און דאָס אַרויסזאָגן זיך וועגן גאָמולקאַס רעדע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַלייגן אַ דעקלאַראַציע. ער האָט עמעצן פאַרגעוואָרפן אַז ער זאָגט ליגן. אין צוויי טעג אַרום דאַרף זיך צונויפֿקומען די עקזעקוטיווע פון דעם פאַרטיי־קרייז אין דער דאָזיקער פראַגע.

ענדלעך זענען מיר שוין נאָך דער מאַטורע. מיכאל האָט אָנגעטאָן דאָס יומטובדיקע אַנצוג און איז אַוועק אויפן באַל. ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן.

ביי מיכאלס עלטערן איז נישט פריילעך. אַלע גייען אַרום צערייצט. מאַריאַן האַלט זיך אין איין בייסן פון

צאָרן. ער וועט נישט פֿאַרטראָגן קיין שום דיסקרי־מינאַציע אין באַצוג צו זיין פרוי. ער וועט אַוועקפֿאָרן מיט זיין האנעטשקא ווו נאָר עס זאָל נישט זיין. האַ־נעטשקאַ וויינט און כליפּעט ווי אַ קליין קינד.

מיכאלס פֿאָטער איז אַוועק אויף דער אויסגעברייטערטער עקזעקוטיווע. מיר האָבן זיך אַלע פֿאַרזאַמלט אין קאַבינעט. האַנעטשקאַ האָט זיך אַביסל באַרואיקט, זי ווייסט, אַז זי איז נישט די איינציקע. מיכאלס מאַמע דענערווירט זיך, זי האָט מורא וועגן דעם פֿאָטער. זי איז זיכער, אַז די דאָזיקע „מלחמה" וועט זיך פֿאַרענ־דיקן מיט אַ קאַטאַסטראָפֿע. — אַלעמען וועט מען באַזיי־טיקן פֿון דער אַרבעט. אויך דו וועסט פֿאַלן אַ קרבן — האָט זי געזאָגט צו מאַריאַנען.

— מיך וועלן זיי נישט רירן, מיין פֿאָטער איז איינער פֿון די ערשטע דערשאָסן געוואָרן אין גביעזשנאָ. איך קום אַרויס פֿון אַ באַקאַנטער קאַטוילישער משפּחה. מיך וועלן זיי נישט רירן. מיר וועלן זען, איך האָב שוין גע־זאָגט, מיר וועלן אַוועקוואַרפֿן די וווינונג, די בייע מעבל, און מיר וועלן אַרויספֿאָרן. מיר וועלן איבערוואַרטן עטלעכע וואָכן, אפשר וועט דער טייוול זיי נעמען.

— יעזוס איז געווען אַ יידישער מלך, און דו זעסט וואָס זיי טוען מיט זיינע ברידער... — האָב איך זיך ערנסט אָפּגערופֿן.

— מיר ווילן הערן וואָס איז מיטן פֿאָטער — האָט זיך אָפּגערופֿן האַנעטשקאַ. — איך בין שוין דערליידיקט. קריסטוסן לאָמיר לאָזן צורו.

— די כאָליערע ווייסט זיי מיט וואָס זיי ריכטן זיך — האָט אַרויסגעפּלאַצט מיכאל. איר זענט דאָך דאָ נישט

געוועז, מיך האָט מען נישט געזען אויף דער דעמאָנס־טראַציע. אייגנטלעך קאָן איך נישט פאַרשטיין פאַרוואָס איז האַנעטשקאַ געפאַלן אַלס אַ קרבן.

— עס איז באַוווּסט — זאָגט מאַריאַן — פאַרן פאָטער. פאַר די קינדער באַשטראָפט מען די עלטערן, פאַר די עלטערן די קינדער. איבעריקנס ווייסט איר דאָס אַליין. קיין שום נייעס האָב איך נישט געזאָגט.

מיר האָבן געבעטן ביי מיכאלס מאַמען, וועלכע איז געזעסן נעבן אונדז, זי זאָל אונדז אָנפאַרטרויען וואָס עס איז געשען. זי האָט נישט געוואָלט רעדן. בעסער ווייניקער צו רעדן — האָט זי געזאָגט, וועט זיין געזונטער. צום סוף האָט זי זיך געלאָזט איינרעדן.

אויף דער לעצטער פאַרטיי־פאַרזאַמלונג האָט מען פאַרגעוואָרפן דעם פאָטער, אַז ער האָט פאַרטיידיקט דעם אַגרעסאָר און אַז ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, וואָס איז נישט אין איינקלאַנג מיטן רעפעראַט פון גאָ־מולקאַ. אַלס ענטפער אויף דעם פאָרוווּרף, האָט דער פאָטער זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט, פון וואַנען ער ווייסט דאָס.

— איך האָב אַליין געהערט ווי איר האָט גערעדט דעם 28־טן יוני פון פאָריקן יאָר.

— איך בין נישט געווען אויף דער פאַרזאַמלונג, איך האָב אין דער צייט זיך קורירט אין אַ סאַנאַטאָריע. — האָט דער פאָטער אָפּגעענטפערט. און ווענדנדיק זיך צום פּראָטאָקאָל־שרייבער, האָט ער געזאָגט: — איך בעט אַריינשרייבן מיין דערקלערונג, דער חבר קוואַש־ניאַק זאָגט ליגן מיט אַ כוונה.

די אַנוועזנדיקע האָבן זיך פאַרטראַכט אויפן הויכן

קול, עס איז געוואָרן אַ גערויש. יעדער איינער האָט קאָמענטירט דעם פּאָטערס דערקלערונג אויף זיין שטייגער. דער פאָרזיצער פון דער זיצונג האָט געפרעגט קוואַשניאַקן, צי ער האַלט זיך נאָך ווייטער ביי זיין דערקלערונג.

קוואַשניאַק האָט זיך פאַרלוירן, האָט געזוכט מיט די אויגן אַ הילף, צום סוף האָט ער פון עמעצן באַקומען אַ צייכן. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט נישט דרייסט באַשטעטיקט, אַז ער איז געווען און ער האָט געהערט.

דאָס פּרעזידיום האָט זיך באַראָטן. נאָך עטלעכע מינוטן איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצולייגן דעם ענין ביז צו דער קומענדיקער זיצונג.

— דערווייל וועלן מיר בעטן דעם חבר גאָלאָמב ער זאָל באַלייגן אַ דעקלאַראַציע וועגן דער פּאָליטיק פון נאָענטן מזרח. דער פּאָטער האָט קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. ער האָט געפאָדערט אַז עס זאָל פריער אויסגעפאָרשט ווערן אין וואָס פאַרא ציל האָט קוואַשניאַק געוואָלט אַריינברענגען די פאַרזאַמלטע אין אַ טעות זאָגנדיק, אַז ער האָט אַליין געהערט און אַז ער איז געווען צוזאַמען מיטן פּאָטער אויף דער זעלבער פאַרזאַמלונג. דעם ענין האָט מען אָפּגעלייגט, און איצט טאַקע קומט דאָס פאַר די אויסגעבררייטערטע עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע.

— דוכט זיך, אַז דער פּאָטער איז ערגעץ אַרויסגעטראָטן קעגן גאָמולקאָ — האָט זיך אָפּגערופן מאַריאַן.

— יאָ, אָבער נישט אויף קיין פאַרזאַמלונג.

מען האָט אים דאַמאָלסט אַרויסגערופן אויף אַ זיצונג

פון דער קאָמיסיע אין דער פראַגע פון אויסטוישן די פּאַרטיי־לעגיטימאַציע. קוואַשניאַק איז דאָרט נישט גע־ווען און ער האָט נישט געקאָנט הערן די אַרויסזאָגונגען פון דעם פאָטער. דעם פאָטער האָט מען געשטעלט אַ רייע פראַגן, ווייל ער איז נישט געווען אַנוועזנד אויף יענער פאַרזאַמלונג ווען מען האָט דיסקוטירט וועגן ישראל. דער פאָטער האָט געהאַט אַ שווערע מערכה. די זיצונג האָט לאַנג געדויערט, איך בין געווען שטאַרק אומרואיק. און, הערט אַ וואונדער, דעם פאָטער האָט זיך איינגעגעבן איבערצוצייגן די קאָמיסיע, אַז דאָס איז גאָמולקאַ באַ־גאַנגען אַן ערנסטן אָפּנויג פון פּראָגראַם פון דער פּאַר־אייניקטער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי. נאָך עטלעכע וואָכן האָט מען אים דערלאַנגט אַ נייע לעגיטימאַציע. ווען די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, וואָס זענען אַנ־וועזנד געווען אויף דער פאַרזאַמלונג וואָלטן אונטערגע־שטיצט קוואַשניאַקן, — וואָלט דער פאָטער אָנגענומען אַ דיסקוסיע. זיי האָבן אָבער געשוויגן. איז אַרויסגע־טראָטן קוואַשניאַק, וועלכער האָט ערגעץ וואָס געהערט, מסתמא איז ער אינספּירירט געוואָרן דורך דער ציי־אויסגעוויילטער עקזעקוטיווע. פּערזענלעך האָט ער גאָר־נישט געהערט. ער האָט פּשוט געזאָגט ליגן. זיין אויפ־גאַבע איז געווען צו פּראָוואָצירן דעם פאָטער.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג. מיר האָבן זיך אַלע געוואָרפן צו דער טיר. מיר האָבן אָפּגעאָטעמט מיט דערלייכטערונג. הער איגנאַצי האָט געשמייכלט, ער האָט אָבער אויסגעזען שטאַרק מיד.

נאָך אַ ווײַלע האָבן מיר זיך צוגעזעצט צום אָוונט־עסן. מער פון אַלעמען איז געווען אומגעדולדיק האַ־

נעטשקא, זי האָט וואָס גיכער געוואָלט וויסן ווי אַזוי עס איז אַדורכגעגאַנגען די פאַרזאַמלונג און וואָס זענען די רעזולטאַטן.

— די רעזולטאַטן, די רעזולטאַטן זענען פון פאָרויס באַשטימט און געחתמעט. איר דאַרפט זיך נישט אַרומ־טראָגן מיט קיין שום אילוזיעס. — איך און גאַמולקאַ קענען צו איין און דער זעלבער פאַרטיי נישט געהערן. עס איז קיין ספק נישט, אַז מיך וועט מען אויסשליסן פון דער פאַרטיי.

— איך מיין, אַז דו דאַרפסט די דאָזיקע לעגיטימאַציע וואַרפן זיי אין פּנים אַריין — האָט האַנעטשקא זיך אָפּ־גערופן. — דו קענסט זיך דערלויבן דערויף אַז דו זאָלסט זיך נישט לאָזן אַרויסוואַרפן.

הער איגנאַצי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און האָט צוגעשטימט — איך צווייפל נישט, אַז אַזוי וועט זיין בעסער. דערווייל וועל איך אייך דערציילן דעם פאַרלויף פון דער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע. איך קום אַריין אין לאָקאַל פון נאַציאָנאַלן פראָנט, אַלע זענען געווען פאַרזאַמלט אין צימער נעבן דער גאַרדעראָב. איך האָב זיך געגריסט מיט יעדן איינעם באַזונדער, זיך אָוועק־געזעצט. נאָך אַ ווײַלע האָב איך פאַררויכערט אַ פּאַפּיע־ראָס. דער סעקרעטאַר האָט געעפנט די זיצונג. אויפן טאָג־אָרדנונג איין פונקט — מיין ענין. עס איז אַנוועזנד אויך אַ מיטגליד פון דער קאָמיסיע פון אויסטוישן די לעגיטימאַציעס, לודווינסקי. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וועט איצט זיין דער קרוין־עדות קעגן מיר. מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך געהאַט גערעדט מיט אים.

ער איז איבערגעשראָקן, ער האָט פשוט „אָנגעמאַכט אין די הויזן".

איך האָב אַ פרעג געטאָן דעם פאָרזיצער, פאַרוואָס שטייט אויפן טאָג־אָרדנונג מיין ענין, און נישט קוואַש־ניאַקס. צי האָט מען אויפגעקלערט די ריכטיקייט פון זיין דערקלערונג.

דער פאָרזיצער האָט אַ קוק געטאָן נישט דעצידירט אויף די אַנוועזנדיקע. צום סוף האָט ער געזאָגט: — מיר האָבן קאָנטראָלירט. איר זענט נישט געווען אַנוועזנד אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג. קוואַשניאַק האָט נישט געדאַרפט זאָגן, אַז ער האָט פערזענלעך געהערט. ער האָט אָבער געהאַט גוטע כוונות. ווען ער וואָלט אַוועקגע־שטעלט זיין פאָרוואורף אויף אַ לייטישערן אפן, וואָלט ער געווען אין אָרדנונג. די דאָזיקע לייכטע אָפּווייכונג פון דעם אמת לייג איך פאָר אויסצוגלייכן אויף אַ פאַרטיי־פארזאַמלונג. אייער ענין איז אָבער קוואַליטאַטיוו וויכ־טיקער, עס האַנדלט זיך וועגן דער ליניע פון דער פאַרטיי.

עס האָט גענומען אַ וואָרט לודווינסקי: — דער חבר איגנאַצי גאָלאָמב האָט גערעדט מיט אונדז אָפן. ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם, אַז ער איז נישט מסכים מיטן חבר גאָמולקאַ. די דיסקוסיע האָט לאַנג געדויערט, ער האָט אַזוי גערעדט, אַזוי גערעדט, אַז דער קאָפּ איז אונדז מטושטש געוואָרן.

לודווינסקי איז פאַרשוויגן געוואָרן.

— נו, וואָס ווייטער? — האָט געפרעגט דער פאָר־זיצער.

— מיר האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און ער האָט באַקומען די לעגיטימאַציע.

עס האָט גענומען אַ וואָרט דער קאַפּיטאַן פון רעזערוו אלאָיזי סראָקא: — איך טראָג אַריין אַ פאָרשלאָג וועגן אויסשליסן פון דער פּאַרטיי. דער חבר גאָלאָמב איז נישט מסכים מיט דער ליניע פון דער פּאַרטיי, מיטן חבר גאָמולקאַ, מוזן מיר דעריבער דערפילן אונדזער פליכט לגבי דער פּאַרטיי און דעם פאָטערלאַנד.

— ניין, איך בין נישט מסכים — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די זיצנדיקע ביים פענצטער — וואָס איז דאָס פאַר אַ באַצייכענונג „אויסשליסן, ווייל ער איז נישט מסכים מיטן חבר גאָמולקאַ". איך וויל האָבן אַ גרינט־לעכע מאָטיווירונג, מיר מוזן קומען אויף דער פאַרזאַמ־לונג מיט אַ גרייטער זאַך אין דער האַנט.

„איך האָב געוווסט — דערציילט ווייטער מיכאלס פאָטער — אַז אין דער נייער עקזעקוטיווע זענען פאַראַן „כינעזער", און איך האָב באַשלאָסן אויסצונוצן די סיטו־אַציע. איך האָב אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם באַשלוס פון דער אונ"אָ, וועגן דער דעקלאַראַציע פון גראָמיקאָ, וועגן דעם אָנפאַל פון די אַראַבישע אַרמייען אין טאָג פון דער אַנטשטייאונג פון ישראל. איך האָב דערמאנט די אויס־שולונגס־לאַגערן, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין פּוילן אין 1948־טן יאָר; וועגן די געווער־ליפערונגען, וואָס ישראל האָט באַקומען פון די סאָציאַליסטישע לענ־דער. וועגן דער אונ"אָ־קאָמיסיע, וואָס איר פאָרזיצער איז געווען אונדזער שרייבער קסאווערי פּרושינסקי. די דאָזיקע קאָמיסיע האָט דאָס טאַקע מיט אַ מערהייט שטימען באַשלאָסן אָנצונעמען די רעזאָלוציע וועגן דער

צעטיילונג פון פּאַלעסטינע, צום גונסטן פון די יידן. דאַקעגן האָבן יוגאָסלאַוויע, פּערסיע און אינדיע גע־שטימט אויף דער זייט פון די אַראַבער. די מערהייט פון דער דאָזיקער קאָמיסיע האָט אַדורכגעפירט אין דער רעזאָלוציע דעם פאָרשלאַג, אַז דער גאַנצער נגב מיט אַ צוגאַנג צו דער אַקאַבאַ־בוכטע זאָל צוגעטיילט ווערן ישראל.

— איר זעט — איז אויפגעשפּרונגען לודווינסקי און האָט מיר איבערגעריסן די רייד — טאַקע מיט אַזעלכע ארגומענטן האָט אונדז דער חבר גאָלאָמב פאַרכישופט.

— צי מיינט איר ווירקלעך, אַז דער חבר גאָמולקאַ האָט פאַרגעסן וועגן די אַלע פאַרשידענע גענג ? — האָט געפרעגט דער סעקרעטאַר.

— מיך אינטערעסאַ׳ט וואָס פאַר אַ שטעלונג האָט די פּאַרטיי פאַרנומען דעמאָלט — האָט זיך אָפּגערופן דו־ווּנאַטשאַוואַ.

— אַ רגע, חבר לודווינסקי האָט מיר אומנויטיק אי־בערגעריסן מיינע אויפקלערונגען. אפשר האָט דער מלו־כהשער אינטערעס פאַרלאַנגט טיפערע ענדערונגען, עווענטועלע אָפּנויגונגען און צוריקטריט. איך מיין אָבער, אַז צו דעם צוועק האָט מען די זאַך געדאַרפט אַוועקשטעלן קלאָר און דייטלעך, און זאָגן אָפן אַז די אונטערשטיצונג, וואָס איז געגעבן געוואָרן ישראל אין די יאָרן 1947—1948 איז געווען אַ פעלער. גאָמולקאַ האָט געקאָנט זאָגן וואָס עס זענען געווען די סיבות, וואָס האָבן דיקטירט אַזאַ פּאָליטיק, און נישט קיין אַנדערע. איך פערזענלעך קאָן נישט איינגיין אויף דער טענה פון גאָמולקאַ, אַז ישראל איז אַנטשטאַנען אַדאַנק די מאַכי־

נאַציעס פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן. ווען גאָמולקא וואָלט נישט אויסגעדרייט די קאַץ מיטן וויידל, וואָלט לייכטער געווען צו פאַרשטיין דעם זין פון דעם אומקער, וואָס איז איצט פאַרגעקומען. לאָמיר זיך זאָגן אָפן, איצט וואָלט דער ראַטנפאַרבאַנד געוואָלט, אַז אילת און די אַקאַבאַ־בוכטע זאָלן געהערן אויסשליסלעך צו די אַראַבער. דעמאָלט, אין 1948/49, האָט אילת גע־דאַרפט געהערן צו ישראל, ווייל אַזוי האָט פאַרלאַנגט די סטראַטעגיע פון ראַטנפאַרבאַנד.

— ביטע, קוקט זיך צו. — איך האָב זיך אויפגע־שטעלט און בין צוגעגאַנגען צום טאַוול, וואָס איז גע־שטאַנען אין צימער. קרייד און אַ שוואָם זענען געלעגן דערנעבן. איך האָב אויסגעמעקט עפּעס דאָרט אַ מאַטע־מאַטישע פאָרמולע און מיט עטלעכע שטריכן מיטן קרייד האָב איך אָנגעצייכנט די קאָנטורן פון פּאַלעסטינע. איך האָב באַצייכנט די ליניע פון דער עגיפּטישער גרע־נעץ ביזן דרומדיקן ברעג פון ים המלח. — איר זעט, די נגב־וויסטע איז פאַנאַנדערגעטיילט. ישראל האָט נישט קיין צוטריט צו אילת, צו דער אַקאַבאַ־בוכטע. וועמענס פאָרשלאָג איז דאָס געווען?

— טאַקע וועמענס, קלערט אויף — האָט זיך אָפּגע־רופן אַן אָנהענגער פון מאַאָ — ווייל אַלץ האָט זיך ביי מיר שוין אויסגעמישט.

— יוגאָסלאַוויע, אינדיע און פּערסיע האָבן פּאַרטיי־דיקט דעם דאָזיקן פּראָיעקט. דאַקעגן זענען זיבן מדינות מיטן פּוילישן פאָרזיצער קסאַווערי פּרושינסקי געווען דערפאַר, אַז דער גאַנצער נגב מיטן צוגאַנג צו אַקאַבאַ זאָל געהערן צו ישראל. די איינציקע אויסטראַליע האָט

זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען. כדי צו באַזירן מיינע רייד קאָן איך פאָרשטעלן אַ זאַמלונג פון דאָקומענטן, אַרויסגעגעבן דורך דעם פּאַרטייאישן פאַרלאַג „קשיאָנשקאַ אי ווידזאַ“.

אין אַנבליק פון דעם אַלגעמיינעם שווייגן האָב איך פאָרגעזעצט: — די פּאַרטיי האָט אין יענער צייט געשטיצט די פּאָליטיק פון דעם ראַטנפאַרבאַנד. עס שיינט אַז עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט. ווייל אויך איצט שטיצט אונדזער רעגירונג די פּאָליטיק, וואָס ווערט געפירט פון מאָסקווע.

— אפשר וויל עמעץ פון אייך זאָגן, אַז איך האָב זיך טועה געווען, אַז איך האָב עפּעס פאַרדרייט, אָדער איך זאָג ליגן.

— ווער בעט אַ וואָרט? — האָט געפרעגט דער סעקרעטאַר.

עס האָט זיך אויפגעשטעלט אַן עלטערער מאַן, פון הינטערן אויער האָט אַרויסגעשטעקט אַן אַפּאַראַט. מיט גרויס מי האָט ער זיך אויסגעגלייכט מיט דער הילף פון דעם שטעקן, און וועלכן ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט.

— אייגנטלעך, צוליב וואָס דאַרף ישראל אַ צוטריט צום רויטן ים, צי איז נישט גענוג פאַר איר דער מיטלענדישער ים? מיר וואָלטן געהאַט רו און עס וואָלט נישט געווען קיין מלחמה.

— צוליב וואָס דאַרף שטעקן דער דאָזיקער ישראלדיקער קליין צווישן די אַראַבישע לענדער, זאָגט, חבר גאָלאָמב. — האָט זיך אָפּגערופן דער סעקרעטאַר. — איר זעט דאָך אַליין, אַז די דאָזיקע לענדער זענען איבערגעשניטן.

— טאַקע, טאַקע, — האָט אונטערגעכאַפּט דער אַנ־הענגער פון מאַאָ, דער וואָס איז געזעסן נעבן דעם פענצטער. — צוליב וואָס האָבן סטאַלין און אונדזער גאַנצער בלאָק אונטערגעשטיצט אַזאַ פּראָיעקט?

— איך מיין, אַז חבר גאַלאָמב האָט דאָס אַלץ זיך נישט אויסגעטראַכט. — האָט מיט איין אָטעם אויסגע־שאָסן דוואָנאַטשאַווא.

— אין דעם וואָס איר זאָגט איז פאַראַן אַ געוויסער אמת — האָט זיך געוואָנדן אין מיין זייט לודוויגסקי, — אָבער איך גיב זיך אָפּ אַ רעכנונג פון דעם, אַז נישט אין אַלץ זייט איר גערעכט. זיכער איז, אַז סטאַלין האָט געמאַכט אַ גרויסן פעלער, שטעלנדיק זיך אויף דער זייט פון די יידן, די „סטאַראָזאַקאָננע״. אַ שאָד, וואָס ער האָט זיך נישט אָריענטירט אויף עגיפּטן.

— אויף עגיפּטן! ווי אַזוי — האָט אויסגעשריען דער סעקרעטאַר. — דעמאָלט האָבן דאָך דאָרט געהערשט די ענגלענדער!

— די ענגלענדער זענען שוין לאַנג דאָרט נישט געװעזן. עגיפּטן האָט געהאַט אַן אייגענעם קעניג — האָט געשריען דער רעזערוו־קאַפּיטאַן אלאָיזי סראָקאַ, אַן אַקטיווער מיטגליד אין אַרמאַ.

— וואָס רעדט איר נאַרישקייטן, איך קאָן נישט הערן, עס פּלאַצן מיר די מעמבראַנעס אין אויער. עגיפּטן איז געוועזן אַ פעאָדאַל קעניגרייך אין די ראַמען פון דער בריטישער אימפּעריע. — האָט געטענהט דער סעקרע־טאַר.

— אַזוי ווי צום ביישפּיל ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע און

אַנדערע רעפּובליקן אין ראַטנפאַרבאַנד. — האָט זיך אַריינגעמישט דער אָנהענגער פון מאָאָ.

— וואָס, וואָס קומט דאָ פאָר. איך וויל נישט הערן אַזעלכע נאַרישע טענות און קיין ענלעכע פאַרגלייכן. — האָט זיך צעבייזערט דער סעקרעטאַר. — דאָס פעאָדאַלע עגיפּטן און ווייסרוסלאַנד! אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און אַנדערע רעפּובליקן געהערן צו דער פרייער משפחה פון די סאָציאַליסטישע לענדער. אַ פולשטענדיק אַנטיפּאַר־טייאישע שטעלונג!

— ביטע, נאר אַן עטיקעטן, יענע צייטן זענען שוין אַוועק — אלאיזי איז רויט געוואָרן אויפן פּנים, בייזע פייערלעך האָבן אויפגעבליצט אין די אויגן.

— איך גיי אַרויס צום דאָקטאָר — האָב איך דער־קלערט — אין אַ האַלבער שעה אַרום מוז איך זיין אין דער פּאָליקליניק. איך האָב זיך אויפגעהויבן פון דעם בענקל.

— וואָס איז מיט אייך, חבר גאָלאָמב. היינט מוזן מיר האָבן דעם ענין פאַרענדיקט מיט אַ צוגעגרייטן פאָר־שלאַג. די פאַרזאַמלונג האָט אונדז פאַרפליכטעט. דער געגנט־קאָמיטעט איילט. אייערנעכטן האָט מען מיך אויסגעדרענגט און אויסגעמאַנגלט אויף דער קאָנפע־רענץ פון אַקטיוו — האָט אַפּעלירט דער סעקרעטאַר.

— ליידער, איך קאָן אייך מיט גאָרנישט העלפן. איר ווייסט אַז איך בין נאָך אַן אָפּעראַציע, איך מוז טאַקע זיין אין אַ האַלבער שעה אַרום אין דער פּאָליקליניק.

— גוט, נישטאָ קיין עצה, מיר וועלן זיך צוזאַמענקומען מאָרגן. אָבער קלערט אונדז נאָך אויף די דאָזיקע

שטרייטבאַרע אַרויסזאָגונגען. בעת אייער אפּוועזנהייט וועלן מיר דערוויַיל זיך באַראַטן אין אייגענעם קרייז.

— די ענגלענדער האָבן אין יענער צייט געשטויסן צו אַ מלחמה מיט ישראל אַלע אַראַבישע סאַטעליטן־לענדער, און אַ טייל פון זיי זענען מיט דער ענגלישער אונטערשטיצונג געוואָרן מיטגלידער אין דער אונ״אָ.

— און ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע — האָט אויסגעשריען דער סימפּאַטיקער פון מאָאַ.

— אויך די אויבנדערמאנטע רעפּובליקן, הגם זיי האָבן נישט אין קיין שום לאַנד קיין דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייערשאַפטן זענען אָבער מיטגלידער אין דער אונ״אָ.

— זיי האָבן געמאַכט „פּיפּטי־פּיפּטי״, — האָט פאַרקרומענדיק דאָס מויל אויסגערופן אלאיזי.

— נישט דווקא. אפילו אינדיע, וואָס איז פאַרמעל און פאַקטיש געווען אַ קאָלאָניע פון גרויס־בריטאַניע, איז לויט דער בריטישער איניציאַטיוו אַריינגענומען געוואָרן אין דער אונ״אָ.

— נאָך איין פראַגע. — האָט מיט אַ דערהויבענעם קול אויסגעשריען אלאיזי. — ווען איז דען נויטיק געווען דער דאָזיקער יידישער קלין צווישן די אַראַבישע לענדער ?

איך האָב פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט אים. אַ כיטראַק. ער האָט גוט געוווסט וואָס ער פרעגט.

— דערטראַכט זיך. נאָכן פאַרטראַכטן זיך אַ ווייל האָב איך באַשלאָסן צו רעזומירן די דיסקוסיע.

— דער ראַטנפאַרבאַנד האָט געשטרעבט אָפּצושוואַכן און אַרויסצוטרייבן גרויס־בריטאַניע פון דעם אַראַבישן

האַלב־אינדזל. אַלע אַראַבישע לענדער זענען דורך איר געוואָרן באַוואָפנט און פינאַנסירט. מיטן אַראַבישן לע־גיאָן פון דעם עמיר אבדאַללאַ האָט דירעקט אָנגעפירט אַן ענגלישער קאָמאַנדיר, מיטן נאָמען גלאַב פּאַשאַ (דזשאָן בעגאַט). דער ראַנפּאַרבאַנד איז געווען פאַר־אינטערעסירט, אַז ישראל זאָל האָבן אַ צוטריט צו אילת און צום טיראַן־דורכגוס. פאַר דער זעלבער קאָנצעפּציע האָבן אויך געשטימט די פאַראייניקטע שטאַטן.

— מאַמאָ איז גערעכט. „איין האַנט וואַשט די אַנדערע"

— האָט אויסגעשריען דער חבר פון נעבן דעם פענצ־טער. עס איז אויסגעבראָכן אַ טומלדיקער מיינונגס־אויסטויש, וואָס האָט זיך נאָך עטלעכע מינוטן פאַר־וואַנדלט אין אַ קריגעריי.

איך האָב זיי איבערגעלאָזט און בין אַרויס. זיי זענען דערווייל געווען פאַרנומען מיט זיך.

איך האָב באַשלאָסן צו פאַרענדיקן מיט דער דאָזיקער שפּיל אין „טשוטשובאַבקע". פאַרן אַהיימגיין האָב איך זיך אַנטשלאָסן. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דער דוונאַטשאָווא. איך האָב זי געטראָפן אַליין. זי האָט מיך באַגריסט צוריקגעהאַלטן, זייענדיק דערשטוינט פון מיין וויזיט. אפשר האָט זי עמעצן דערוואַרט. זי איז אַ גרושה זינט איייניקע יאָר. זי האָט מיר געבעטן זיך זעצן, און איך האָב גענאָסן פון דער איינלאַדונג. נאָך אַ ווײַלע האָב איך אַרויסגעצויגן מיין פאַרטייאישע לעגי־טימאַציע און האָב זי איר דערלאַנגט.

— איר זענט אַ מיטגליד אין דער נייער עקזעקוטיווע, דעריבער באַלייג איך די לעגיטימאַציע אין אייערע הענט.

אַן איבעראַשטע האָט זי געוואָלט עפּעס זאָגן — אָבער איך האָב ווייטער גערעדט.

— איך קאָן נישט געהערן צו אַ פּאַרטיי אין וועלכער עס ווערן אַנגעווענדעט ראַסיסטישע קריטעריעס. איך בין אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי ווו עס האָבן גע־הערשט די פּרינציפּן פון גלייכהייט און אינטערנאַציאָ־נאַליזם. אַמאָל זענען די דאָזיקע קריטעריעס געווען אונדזער שטאָלץ און אינהאַלט. היינט איז אויף זייער אָרט געבליבן אַ הויפן מיסט, אַ ריח, וועלכער שמעקט מיטן רויך פון אָשוויענטשים.

אַרויסזאָגנדיק זיך אַזוי־אַ פּאַטעטיש האָב איך גע־האָפּט, אַז מיינע ווערטער וועלן צו איר דערגיין. זי האָט געהאַט אַ דערוואַקסענעם זון פון סאַלאמאַן פּרייטאַג.

* * *

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיכאלס מאַמען. זי האָט זיך דערשראָקן און איז געוואָרן בלייך ווי לייוונט. האַ־נעטשקאַ האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט. — טאַטע, — האָט זי אויסגעשריען — איך וועל דיר דאָס נישט פאַרגעסן. ביסט אַ כוואַט. מיכאל האָט אויסגעצויגן די פּיס — קענטיק אַ סימן, אַז ער טראַכט אינטענסיוו. אַלע האָבן מיר געשוויגן. יעדער איינער פון אונדז האָט געוווּסט, אַז עס איז אַריינגעטראָטן אַ נייער עטאַפּ אין אונדזער לעבן.

— איך און האַנעטשקאַ שיקן אַרויס די דאָקומענטן צו יונתן. ער וועט אונדז דערליידיקן אַ קאָנטראַקט און מיר וועלן פאָרן קיין אויסטראַליע.

— מיר וועלן פאָרן קיין ישראל — האָט שטיל געזאָגט מיכאלס פאָטער.

— איגנאש, רעד אין דיין נאָמען, איך בעט דיך זייער.
— האָט אַרויסגעפּליסטערט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע די פרוי פעליציאַ.

— און אין אייגענעם אויך — האָט צוגעוואָרפן מיט אַ ברייטן שמייכל מיכאלס פאָטער.

איך האָב זיך גערעכט זינט אַ געוויסער צייט, אַז די פראַגע פון אויסוואַנדערן וועט ווערן אַקטועל. איך בין געווען צו דעם אַביסל צוגעגרייט. אָבער די דערקלערונג פון הער איגנאַץ האָט דאָך געווירקט אויף מיר ווי עמעץ וואָלט מיר דערלאַנגט אַ קלאַפּ מיט אַ האַרטן קעגנשטאַנד אין קאָפּ. איך בין געזעסן פאַרטויבט און האָב דאָס מויל נישט געקאָנט עפענען. דאַקעגן איז מיכאל געווען אינגאַנצן ניכטער. נישט קוקנדיק דעם פאָטער אין די אויגן אַריין, האָט ער געזאָגט :

— איך פאָר קיין פראַנקרייך, קיין פאַריז. איך וועל שטודירן אַרכיטעקטור, און באַשיאַ וועט גיין אין סאָר־באָן, אויף פסיכאָלאָגיע.

— איך האָב שוין געהערט וועגן דעם, אָבער פון וואָס וועסטו דאָרט לעבן, ווער וועט דיר געבן אויף אויסהאַלטונג, דאָס האָסטו אונדז נאָך נישט אויפגעקלערט.

— באַשיאַ וועט אַרבעטן און שטודירן. איך אויך. אַ באַשיידן צימערל און מער דאַרפן מיר נישט. איך רעכן אויף די קרובים, זיי וועלן מיר מסתמא עפּעס העלפן, איך רעכן אויף זייער הילף אין מיינע ערשטע טריט.

— גאָט מיינער, וויפל קאָסטן דיך אָפּ דיין געצייג און די גראַפּיטן — האָט פרוי פעליציאַ געגעבן אַ זיפץ. —

איך און דער טאַטע װעלן דאָרט נישט זײַן. דערװײַל דויערן די אומרועןְ פון די סטודענטן, די אַרבעטער שטרײַקן. פראַנקרײַך טרײסלט זיך. די קרובים — איך האָב נישט דערהאַלטן פון זײ קײן שום ענטפער. זײ זענען אַלײן אין אַ פּאַניק און האָבן מורא פאַר זײערע געװעלבער און פאַרן באַקװעמען לעבן פון אױפגעקומענע גבֿירים. דאַרפן זײ נאָך האָבן סטודענטן אָן אױפהאַלטס־רעכט און אָן בירגערשאַפט...

— אָבער מאַמע, מאַך נישט קײן טראַגעדיע, אָן אײנ־לאַדונג האָבן זײ פונדעסטװעגן צוגעשיקט, כאָטש אָן געלט אױף דער רײזע. — און װענדנדיק זיך צו מיר, האָט מיכאל געזאָגט: — מיר װעלן זיך װענדן צום האָלענדישן קאָנסולאַט, מיר פאָרן צוזאַמען קײן װין. פון דאָרטן פאָר איך קײן פּאַריז. באַשיא װעט קריגן אַ פּאַס־פּאָרט אָן שװעריקײטן — זי קאָן פאָרן דורך דײטש־לאַנד אָדער דורך װין. אין װין װעט יעדער אײנער פון דער משפּחה פאָרן אין זײַן ריכטונג.

— גענוג, איך קאָן דאָס מער נישט הערן!

די מאַמע האָט זיך אױפגעשטעלט, זי האָט געהאַט טרערן אין די אױגן. האַנעטשקאַ האָט שטיל אונטער־געשלוקערט.

מיר האָבן זיך צוגעזעצט צום טעלעװיזאָר. נאָך די נײַעס האָט זיך אָנגעהױבן די אַנגעזאָגטע אױדיציע װעגן ישׂראל. עס זענען אַרױסגעטראָטן דרײַ פרױען. זײ זענען צוריקגעקומען פון ישׂראל מיט עטלעכע יאָר צוריק. אַרױסגעפאָרן זענען זײ אַהין אין 1956—1957 מיט די מענער און קינדער. זײ האָבן דערצײלט שװײַ־דערלעכע זאַכן. מען האָט זײ אומעטום אָנגערופן „גויע".

די מענער האָט מען געמלהט, און זיי האָט ממש אויפגע־געסן די בענקשאַפט נאָכן היימלאַנד. צום סוף האָבן זיי זיך דעצידירט אויף אַ גט. מער פון אַלעמען האָבן זיי געלויבט דעם ראַבינאַט. הגם זיי טראָגן לאַנגע פאות, האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדעניש. זיי זענען ענלעך מיט זייער מענטאַליטעט צו אונדזערע גלחים. זיי זענען זייער ליבלעך צו פרויען. באַזונדערס ווערן זיי משוגע פאַר גויעס. איינע האָט, דערציילנדיק וועגן אַ געלן רבין, געמאַכט דערביי אַן אייגל... צום סוף האָבן זיי אונדז צוגעפסקנט די קינדער. ווייל מיר, די מאַמעס, זענען פון געבוירן אַן געווען פרעמדע, דאָס הייסט, „שאַבעס־גויעס". און אַזוי זענען מיר צוזאַמען מיט די קינדער צוריקגעקומען אַהיים, אין לאַנד. אין וווינונגס־אַמט האָט מען אונדז צוגעטיילט אַ שיינע דירה און מיר לעבן זיך אַזוי מוסטערהאַפט, ווי גאָט האָט גע־באָטן. ווען נישט די פון ראַבינאַט, וואָלטן מיר געגאַנגען אינגאַנצן פאַרלוירן. זיי האָבן אויפגעוויזן די מענער, אַז זיי האָבן נישט קיין רעכט אויף די קינדער.

די אוידיציע, נישט געקוקט דערויף וואָס זי איז געווען שטייף, אומגעלומפערט און אָן טעם צוזאַמענגע־שטעלט, האָט אָבער געמאַכט אַן איינדרוק.

— עקלהאַפטע בטלנים, — האָט מאַריאַן געברומט.

— און דאָך, טאַטע, זאָג עפּעס, וואָס קומט דאָרט פאָר. — האָבן מיר אַלע גערופן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשפּרעך אויף דער טעמע „ווער איז אַ ייד?", וואָס קומט אין דער אמתן פאָר אין ישראל, צי הערשן דאָרט טאַקע אין דער היגזיכט אַזש אַזעלכע אומדערטרעגלעכע באַציאונגען?

הערשן — יאָ, ס׳איז פֿאַראַן. — האָט געענטפֿערט הער איגנאַצי. עס זענען פֿאַראַן אויך אַזעלכע יידן, וואָס אַנערקענען נישט די ישראל־מדינה. זיי וואַרטן אויף משיחן. עס זענען פֿאַראַן שטעט, ווו די גאַסן זענען באַזונדערס אַנגעמושבט אין די שבתים, אַזוי ווי די אַראַבישע שטעט און שטעטלעך. אין צענטער פֿון תל־אביב זענען דאָ אַן אַ שיעור קבצנים, שנאָרערס. די שנאָרעריי בליט דאָרט אַזוי ווי אין באַגדאַד. עס גייט אָן אין ישראל אַ קאַמף מיט די דאָזיקע דערשיינונגען. צייטנווייז נעמט איבער די אויבערהאַנט דער לעוואַנ־טיניזם, דער אָריענטאַלישער פֿאַטאַליזם. עס זענען אָבער אויך פֿאַראַן שטעט, וואָס שמעקן פֿון ריינקייט. די מער־הייט דערפֿער און ישובים זענען ציכטיק, ממש צו באַוווּנדערן. דאָס דאָרף אין ישראל איז ריינער ווי די שטאָט. די גרעסערע צענטערס געפֿינען זיך אונטערן דרוק פֿון די עקסטרעם רעליגיעזע. אונטערן לאָזונג פֿון „היט אָפּ די הייליקייט פֿון שבת" — באַהאַלט זיך דלות און אַנטיסאַניטאַרער צושטאַנד. דער אמת איז, אַז פּאַסאַזשיר־אויטאָס פֿאָרן אַרום פֿראַנק און פֿריי איבער דער לענג און ברייט פֿון דעם לאַנד, אָבער נישט די אויטאָבוסן. איך וואָלט אויך געקאָנט אויסרעכענען איי־ניקע לענדער פֿון אייראָפּע, די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ראַטנפֿאַרבאַנד און פּוילן. אויך אין די דאָזיקע לענדער עקזיסטירט אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אַ צושטאַנד פֿון דרוק, טעראָר, פּשוט פֿון אומטאָלע־ראַנץ אין טאָג־טעגלעכן לעבן. עס זענען פֿאַראַן לענ־דער אויסנאַמען. אויף די פֿינגער קאָן מען זיי איבער־ציילן. ישראל קעמפֿט פֿאַר דעם, זי זאָל זיין אַן אויסנאַם.

זי איז אויפן ערשטן אָרט אויף דער וועלט אין דער מילכיקייט פון די קי, זי איז פאַרגעשריטן אין די דער־גרייכונגען פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע. די כנסת פון ישראל, דער וואַל־סיסטעם, אימפּאַנירט, קאָן זיין אַ ביישפּיל פאַר אַ סך לענדער. אפשר זענען די מענטשן, די פּאַרטייען אין ישראל שוין מיד געוואָרן, עס וואַקסט די טענדענץ פון טוישן די וואָך. די אַלטע חלוצים האָבן אויפגעטאָן אַ סך. אַ מדינה, דעמאָקראַטיע, קיבוצים, לאַנדווירטשאַפט. זיי האָבן געשטעלט אַ שטאַר־קן ווידערשטאַנד דעם דרוק פון די רעליגיעזע. עס זענען אָבער פאַראַן סימנים, אַז זיי גיבן זיך שוין מער נישט קיין עצה. עס זענען פאַראַן סימפּטאָמען פון אפּאָרטוניזם, פון נאָכגיביקייט. זיי האָבן פאַרנומען פאַר־טיידיקונגס־פּאָזיציעס, טיילמאָל קעמפן זיי פאַרביסן, טיילמאָל טרעטן זיי אָפּ. מען קאָן זייער קאָמף פאַרגלייכן צו אַן אַקטיווער פאַרטיידיקונג אויפן פראָנט.

— דער פאָטער — האָט זיך אָפּגערופן האַנעטשקא — איז אַלעמאָל אַן אָפּטימיסט. מיר קענען דיך דורך און דורך. דיין גאַנץ לעבן האָסטו געוואָלט אויסלייזן די וועלט, די מענטשן, די פעלקער. האָסט געשטרעבט אַלץ אויסצוגלייכן. אָן מלחמה, אָן קאָנקורענץ, אָן שטריי־טיקייטן. אַמאָל האָסטו געוואָלט אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיין איין גרויסער קאָלכאָז, און איצט ווילסטו זי זאָל זיין אַ קיבוץ. איך האָב אַ סך סימפּאַטיע פאַר ישראל, אָבער איך מיט מאַריאַנען קענען אַהין נישט פאָרן. מיר ווילן נישט אַריינפאַלן פון פייער אין וואַסער אַריין.

פרוי פעליציאַ האָט זיך פלוצלונג אָפּגעריסן פון פאָ־טעל. — איין מאָמענט, — האָט זי אויסגערופן. זי איז

אַרויס פון צימער און האָט זיך תיכף צוריקגעקערט מיט אַ קישן אין דער האַנט. זי האָט זאָרגפעליק איינגעוויקלט דעם טעלעפאָן. — איצט קענט איר רעדן — האָט זי געזאָגט מיט דערלייכטערונג.

— איך מיט באַשיען קענען זיך אויך נישט באַווייזן אין ישראל. איך האָב אויך פאַר זיי מורא, און באַשיא אוודאי און אוודאי. — האָט זיך אָפּגערופן מיכאל.

איך בין געזעסן און געציטערט פאַר שרעק. איך האָב גאָרנישט געוואָלט זאָגן, און איך האָב נישט געקאָנט זיך אַריינמישן. איך האָב געזען פאַר זיך דאָס פאַרזאָרגטע פּנים פון הער איגנאַץ און דאָס בלייכע, אויסגעמאָגערטע געזיכט פון מיכאלס מוטער. איך האָב געוווסט, אַז עס וועגט זיך דער גורל פון דער דאָזיקער משפּחה. איך האָב זיך געפילט שולדיק און פאַרשעמט. אַ פאַרביטערטע האָב איך געטראַכט וועגן מיין אומגליקלעכן פאָלק, וואָס טרייסלט זיך זינט יאָרהונדערטער אין פיבער פון אַנטיסעמיטיזם.

— מיכאל, ווי שטעלסטו דיר פאָר. וואָס קענען זיי דיר טאָן, מיט וואָס קענען זיי דיר פאַרשטערן.

— פאָטער, דו ווייסט בעסער פון מיר, זיי וועלן מיר זיכער נישט מוחל זיין, זיי וועלן מיר אָננעמען פאַר אומגוט... ער האָט נישט פאַרענדיקט, זיך פאַרשעמט.

— איך וועל נישט זאָגן, אַז די פאַרגעשריטענע פאַרטייען אין ישראל קענען נישט געפינען קיין אויסוועג — האָט פאַרגעזעצט הער איגנאַצי. קאָמפּנדיקע פּאָאַטי־קער זענען פאַראַן פאַרהעלטנישמעסיק נישט קיין סך. מען זאָגט, אַז זיי זענען „אַ מדינה אין דער מדינה", און אין דעם באַשטייט זייער כוח. דער יידישער קלער אין

ישראל שפּילט אַ גרעסערע ראָל, איז מער זעלבשטענ־
דיק און האָט אַ גרעסערע השפּעה ווי דער קלער אין
באַגדאַד אָדער אין קאַיר.

— נו, אַדרבא, פּאַרוואָס אַלזא זאָלן מיר פאָרן טאַקע
אַהין און ווערן קרבנות פון די אומגעצוימטע פאַנאַ־
טיקער. זיך אונטערוואַרפן מנהגים, וואָס זענען אפשר
געווען ריכטיק פאַרן מבול — האָט מאַריאַן געפרעגט.

— דאָך איז קיין פּאָליגאַמיע דאָרט נישטאָ, קיינער
וועט דיך נישט צווינגען צו נעמען עטלעכע ווייבער,
מאַריאַן — האָט אָפּגעענטפערט הער איגנאַצי.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, נאָר מיכאלס מאַמע איז גע־
בליבן זיצן ווי זי וואָלט נישט געווען אַנוועזנד.

* * *

די אַרעסטן צווישן דער יוגנט האָבן געדויערט. פאַר־
דעכטיקע, קעגן וועלכע עס זענען נישט געווען קיין
באַווייזן, האָט מען גערופן אין מיליטער. דאָס האָט
דערמאָנט דאָס כאַפּן צו די קאַנטאָניסטן... דאָס דינען
אין דער אַרמיי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ בירגערלעכע
פליכט. די מיליטערישע איבונגען זענען געוואָרן
אַ שטראָף. עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ פּראָיעקט
פון אויסבעסערונגען צום שטראָף־קאָדעקס. „פּאַראַזי־
טישע עלעמענטן” וועט מען קענען דעפּאָרטירן. ביסט
באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַרבעט אַלס אינזשיניער,
האָסט נישט קיין אַרבעט — נעם זיך צום בעזעם, קער
אויס די גאַס. ווילסטו נישט, דאַן ביסטו אַ פּאַראַזיט. —
אַרויס פון וואַרשע. — אַרויס פון וראָצלאַוו. אין אַ קליין
שטעטעלע וועסטו ווינען. וועסט דאַן געדענקען, אַז
די צונג דאַרף מען האַלטן צווישן די ציינער. די פיס

זענען דיר אויסגעוואַקסן, כדי דו זאָלסט שטיין אויף אַכטונג. און הענט האָסטו אויף צו פּאַטשן בראַוואָ, כדי שטורמיש, ענטוזיאַסטיש צו אַפּלאָדירן.

עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַביסל באַקאַנטע ביי די גאָלאָמבס. מיר זיצן מיט מיכאלן און נאָטירן פון אויסנווייניק. נייע ווערטער, נייע באַגריפן. מיר וואַרפן זיך שוין נישט אויף דער ענציקלאָפּעדיע. מיר גיבן זיך אַן עצה, מיר האָבן זיך אַ סך אויסגעלערנט. דאָך הערן מיר נאָך אַלץ עפּעס נייעס. מיר הערן זיך צו.

— די יידן איז היינט ערגער ווי עס איז געווען פאַר דער מלחמה, ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע צייטן.

— איגנאַצי, צי טרייבסטו נישט איבער? איך האָב נישט געהערט מען זאָל עמעצן שלאָגן. דער דאָזיקער פאַל מיט יאַשונסקין איז נישט כאַראַקטעריסטיש. מען האָט אויך צעשלאָגן אַ ליטעראַט, אַן אויטענטישן אַריער. אויך דער געלער הער אַלעש איז נישט מסכים, ער אָפּאָנירט.

— פּראָפעסאָרן און סטודענטן פּאַרטיידיקן זייערע יידישע קאָלעגן. איך האָב נישט געהערט וועגן קיין עקסצעסן. די גאַנצע אַקציע טראָגט טאַקע אַ מאַסן־כאַראַקטער, אָבער זי איז אָרגאַניזירט פון אויבן, אַ ליג־נערישע, אָבער אַן בלוט־פאַרגיסונג.

— אָבער די עקאָנאָמיק, די עקאָנאָמיק, מיין טייערער, איז איצטער אַן אַנדערע, ווי זי איז געווען דאַמאָלסט. די יידן האָבן געהאַט אַן אייגענעם מאַרק, אייגענע קונים, אַן אייגענע פּראָדוקציע און אַן אייגענעם האַנדל. אפילו אין דער צייט פון אָרגאַניזירטע באַיקאָטן האָבן זיי געקאָנט אויסהאַלטן. עס איז געווען אַ דריי מיליאָניקע

מאַסע. איצטער, ברודער, ביסטו אָפּהענגיק און ווירט־שאַפטלעך געבונדן ווי פאַר די צייטן פון דער קנעכט־שאַפט. אַז זיי וועלן נישט וועלן, וועסטו נישט אַרבעטן. וועסט פגרן פון הונגער, אָדער וועסט גיין בעטלען. און אין פאַל פון אַ מלחמה וועלן מיר אַלע גיין אין לאַגער אָדער אויף שמעלץ...

האַנעטשקאַ האָט, מיט דער הסכמה פון איר פאָטער, אָנגעגעבן די משפחה אין האָלענדישן קאָנסולאַט צום אַרויספאָרן. פרוי פעליציאַ ווייסט דערוויל נאָך גאָר־נישט. זי איז כסדר נאָך אַלץ נישט אַנטשלאָסן. דערוויל געזעגענען מיר זיך מיט די אָפּפאָרנדיקע .עס קומען אָן בריוו פון ישראל. זיי לערנען זיך און ווינען אין האָטעלן. אויף די ליניעס פון פייער־איבערייס שיסט מען און עס פאַלן קרבנות.

מיכאַלס מוטער האָט אָוועקגעגעבן איר פאַרטייאישע לעגיטימאַציע. נאָכדעם ווי זי איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָבן זיך די עלטערן פאַרשלאָסן אין קאַ־בינעט. מיר האָבן זיך נישט געוווּנדערט. פרוי פעליציאַ איז געווען אַן עלטערער אַסיסטענט פון אָרטאָפּעדיע אין צענטראַלן שפּיטאָל. דער דאָזיקער אַנשטאַלט איז געווען ווי אַן אויג אין קאָפּ ביי מאָטשאַרן. אין דער געַ־שיכטע פון דער דאָזיקער פאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך נישט געטראָפן אַזאַ פאַל מ׳זאָל אַוועקגעבן די לעגיטימאַציע. דאָרט האָט מען אויסגעשלאָסן, אַרויס־געוואָרפן און באַזייטיקט. אַליין זיך אָפּזאָגן איז געווען עק וועלט. ביי דער אַרבעט פילט זי זיך שלעכט. טייל זעען זי נישט, האָבן מורא אפילו אויסצורעדן מיט איר אַ פּאָר ווערטער. איר נאָענטסטע חברטע גייט אַרום

שטייף, ווי זי וואָלט געהאַט אַ שטעקן איינגעשלונגען. איר מאַן פאַרנעמט זיך איצט מיט אויסאַרבעטן פאַרטיי־אישע אורטיילן. ער דערוואַרט אַן אַוואַנס, ער שטרעבט צו מעדאַלן, אויסצייכענונגען. און דאָ — נאָדיר מיט־אַמאָל, די נאָענטסטע חברטע, אַזאַ קונץ אָפּגעטאָן. קיי־נער האָט זיך דאָס אויף דער פרוי פּעליציאַ נישט געריכט. אייניקע דריקן איר אויס שטילערהייט זייער סימפּאַטיע מיט אַ ווונק פון אויג, מיט אַן אומבאַמערקטן האַנט־דרוק.

בעת דעם דאָקטורים־באַזוך שטייט צו איר צו דאָקטאָר פּאָקיוואַילאָ — קאָלעגין, אַז איר וועט ענדיקן, ווערט איר געבעטן אַריינקומען אין פּאַרטיי־קאַבינעט.

— איך וועל נישט קומען, איך בין שוין זינט דריי טעג אַן אומפּאַרטייאישע.

— וואָס הייסט, די פּאַרטיי רופט אייך, איר קענט נישט אָפּזאָגן.

— איך קאָן, אין עטלעכע מינוטן אַרום וועל איך זיין פריי. איך וועל זיין ביי זיך.

זי איז געגאַנגען דורכן ברייטן קאָרידאָר פון דער אָפּטיילונג, זיך צוגעקוקט צו יעדן פּרט. דאָ האָט זי געאַרבעט פון דעם טאָג אָן ווען זי האָט באַקומען דעם דיפּלאָם. זי האָט באַוויזן פאַר דער דאָזיקער צייט חתונה צו מאַכן איר האַנעטשקאַ. זי האָט דאָ געבוירן מיכאַלן אויפן צווייטן שטאָק. זי האָט זיך צוגעקוקט צו דער רייע פון בעטן, צום ווייסן בעטגעוואַנט. אייניקע קראַנקע האָבן צו איר געשמייכלט.

זי האָט אויפגעעפנט די טיר פון קאַבינעט. קעגנאיבער איר זענען אויסגעוואַקסן צוויי קאָלעגן. זיי האָבן פּונקט

געהאַט בדעה אַרויסצוגיין. געהאַט זויערע מינעס. דאָס געשפּרעך האָט זיך נישט געקלעפּט. דאָקטאָר פּעליציאַ גאָלאָמב האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז זי איז אַן אומפּאַרטייאישע און אַז קיין זאַך בינדט זי נישט מער מיט דער אָרגאַניזאַציע. די קאָלעגן האָבן געגאַפּט, באַוווּנדערט איר דרייסקייט. אַרומקוקנדיק זיך אין די זייטן, האָבן זיי איר איינגערוימט עפּעס אַנגענעמעס.

קיין וווּנדער נישט. מיכאַלס מוטער איז זייער אַ ליב-לעכע פרוי, זי איז קענטיק יונגערהייט געווען זייער אַ שיינע. און שיינע פרויען זענען זעלטן ווען פּאָליטי-קער. פּאָליטיק פאַרלאַנגט צו זיין פאַרהאַרטעוועט און אויסהאַלטעוודיק, באַזונדערס אין אַן אומלעגאַלער באַ-וועגונג. בעת דער מלחמה האָט זי געקעמפט און האָט נישט ווייניק אויסגעטראָגן אויף אירע יונגע אַקסלען. נישט געקוקט אויף די דאָזיקע האַרטע באַדינגונגען איז זי געווען ווייבלעכדיק סובטעל און סענטימענטאַל. די דאָזיקע אַלע פעסטשטעלונגען זענען נישט מיינע, איך האָב זיך אַנגעהערט פאַרשידענע מיינונגען וועגן די מענטשן, ווי קיינמאָל פריער. דווקא אין די דאָזיקע וואָכן און חדשים האָבן די מענטשן אַרויסגעוויזן זייער כאַ-ראַקטער און זייער פּרצוף. האָבן דאָך געוויסע יידן זיך אויפגעפירט געמיין, אָפּגעדינט ציניש פאַר יעדן נויג, זיך פאַרהאַלטן ווי משרתים.

„נאָווע דראָגי”, דער טעאָרעטישער אָרגאַן פון צ.ק. אין דאָזיקן אָרגאַן האָבן געאַרבעט אַלטע קאָמוניסטן. די מערהייט פון זיי — פּאָליאַקן פון יידישער אָפּשטאַ-מונג. זיי זענען קענטיק נישט געווען אַנטציקט פון גאָמולקען, אָבער זיי האָבן געשריבן וואָס מען האָט

געדאַרפט. זיי האָבן יעדן חודש אָפּגענומען די פּעטע פּענסיע, און דאָס האָט זיי פאַרזיסט דעם צער פון די פאַרפירטע האָפענונגען.

בעת אַ שטורמישער דיסקוסיע אויף דער פּאַרטיי־אישער פאַרזאַמלונג פון די ליטעראַטן איז דערגאַנגען צו אַן אָפענער ווידערשפּעניקייט. צווישן די וואָס האָבן געשטימט קעגן דעם טעראָר האָט זיך געפונען דער שרייבער מיכאל מירסקי, וועלכער אַרבעט אין „נאָווע דראָגי". אין דער רעדאַקציע איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק. אין דער תקופה פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט זאָל געשען עפּעס אַזוינס! עס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג און מ'האָט באַשלאָסן זיך צו ווענדן צום צ.ק. מיט דער פאָדערונג צו באַזייטיקן מ. מירסקין פון דער רעדאַקציע. דער שעף־רעדאַקטאָר וויערבלאָווסקי איז בליץ־שנעל אַריינגעשפּרונגען אין דעם „הויז פון די מאַטישיאַקעס"*) און האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. מען האָט אים געקלאַפּט אין די איינגע־בויגענע פּלייצעס: האָסט אונדז נישט אַנטוישט. מירסקי האָט טייער באַצאָלט פאַר זיין געוואַגטקייט. נאָך לאַנגע יאָרן פון שטורמישער טעטיקייט האָט ער פאַרענדיקט זיין פּאָליטישע קאַריערע, נישט פאַרפלעקנדיק אָבער די הענט. וויערבלאָווסקי, אַ באַקאַנטער טוער, וועלכער איז פיל מאָל געווען דער פאָרשטייער פון פוילן אין דער אונ"אָ, האָט זיך נישט איינגעהאַלטן אין זיין פּאָטעל. נאָך אַ צוויי וואָכן איז אויך ער אַוועק אויפן גרינעם

---

*) „דאָס הויז פון די מאַטישיאַקעס" — דער צענטראַל־קאָמיטעט, באַצייכנט געוואָרן איראָניש אַלס דער „מושב זקנים".

גראָז. ווי מען זאָגט: פאַרשטונקענע פיש געגעסן, און פון שטאָט אַרויסגעטריבן...

מיכאלס מוטער אַרבעט נישט. אַ דערדריקטע גרייט זי זיך צום אַרויספאָר. די צייט איז קורץ. אַ געוויסן טאָג זענען אַריינגעפאַלן אין שטוב באַאַמטע פון דער הויז־אַדמיניסטראַציע. זיי האָבן קאָנטראָלירט דעם פּאַרקעט, די טירן און פענצטערס, אַרונטערגעקוקט אונטער די בילדער. קיין פלעקן זענען נישט געווען. די וווינונג איז גוט אָפּגעהיט. צומאָרגנס זענען זיי געקומען און האָבן אויפגעזונגען: „ביין טויזנט זלאָטעס פאַרן רעמאָנט״. דער נייער לאָקאַטאָר דאַרף האָבן אַ ריינע וווינונג — האָבן זיי מאָטיווירט.

— וואָס, איר זענט פון זינען אַראָפּ? אין פּראָטאָקאָל איז פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַז איך האָב די וווינונג אַליין באַנייט — האָט אויסגערופן הער איגנאַצי. — אין 1946 איז דאָ געווען אַ חורבה. אַליין, מיט די אייגענע הענט האָבן מיר געמאַכט אַ רעמאָנט. איך וועל זיך ווענדן צו דער העכסטער מאַכט. דאָס איז דאָך מיין פאַרהאָרעוועטע וווינונג, און סיי־ווי וועט איר זי דאָך צונעמען אומזיסט.

— שרייבט ווו איר ווילט, צום רבונו של עולם! איר ווייסט גאָרנישט אין וואָס פאַראַ וועלט איר לעבט. איר מוזט פון דאַנען אָפּציען. מיר האָבן צייט. אָן מיין אונטערשריפט, אָן געלט אויף אַ רעמאָנט, וועט איר נישט פאָרן. קיין פּאַספּאָרט וועט מען אייך נישט אַרויסגעבן און באַסטע. — אזוי האָט זיך געגאָרגלט דער דיקער, געלער טעכניקער פון דער אַדמיניסטראַציע. מאריאַן האָט זיך אָפּגערעדט מיט זיי „אונטערן גאָל־

דענעם פישעלע״. האָט אַוועקגעשטעלט אַ פּאַרציע געפילטע פיש — אַ „שטשופּאַק פּאָ זשידאָווסקו״ — און אַ שנאַפּס. דער ענין איז דערליידיקט געוואָרן ווי אויפן פערד־מאַרק — אַ טויזנטער אין יד אַריין. עס איז געבליבן אויף פינף טויזנט זלאָטעס.

פאַרן פּאַספּאָרט האָט מען געדאַרפט לייטיש באַצאָלן, אומעטום האָט מען געדאַרפט שמירן מיט אַ גלאַנציקער מטבע. יידן פירן ארויס מיליאָנען — איז אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע. די צאָל־אַמטן האָבן געאַרבעט אויף דער גאַנצער פּאַרע, דאָך האָבן זיי קיין שום אומגעוויינלעכעס נישט געפונען.

גאַנצע טעג האָט מען געפּאַקט און רעגיסטרירט. די רשימה פון די זאַכן איז געוואַקסן אָן אַן אויפהער. יעדעס נאָז־טיכעלע, יעדע פּאָר זאָקן, די צאָל ראַזיר־מעסערלעך און דאָס שרייב־געצייג — אַלץ האָט מען פאַרנאָטירט. וואָס דו וועסט פאַרגעסן און נישט פאַרשרייבן — וועסטו איבערלאָזן. קבלות און באַשטעטיקונגען, אַז דו האָסט באַצאָלט פאַר גאַז, דירה־געלט, פּאַר, פּאַר... אַז דו האָסט אָנגעגעבן וועגן אַרויספאָר. אונטערשריפטן פון מילי־טער, פון נאַציאָנאַל־ראַט, פון דער הויז־אַדמיניסטראַציע, פון קוואַרטיר־אַמט, פון פינאַנס־אַפּטייל. אומעטום שטיי־וואַרט. ביסט אויסגעשטעלט אויף חסד. „אויף דער איי־גענער בקשה״ האָסטו זיך אָפּגעזאָגט פון דער בירגער־שאַפט — איצט וועסטו שוין וואַרטן ווי אַ פרעמדער, אָן דאָקומענטן.

מענטשן שלאָפן נישט אין די נעכט, מען איז צערייצט, די נערוון זענען אָנגעצויגן. מ׳קאָן אַראָפּגיין פון זינען. טאָמער חלילה וועלן זיי אָפּזאָגן. דאַן איז אַ סוף צו

אַלעמען. די אומזיכערקייט דערלויבט נישט אַלצדינג צו ליקווידירן.

דער דאַראַשקע... די אומזיכערקייט דערלויבט נישט אַלצדינג צו ליקווידירן.

ענדלעך איז אָנגעקומען די דערלויבעניש. די אָנגעגעבענע צייט איז אַ קורצע, זייער אַ קורצע. אין מיכאלס שטוב איז אַ גערודער. אַלע זענען מיר באַשעפטיקט ביז איבער די אויערן. די רשימות פון די אַרויסגעפירטע זאַכן דאַרף מען אָנשרייבן אין פיר עקזעמפּלאַרן. מיר באַטירן יעדע קלייניקייט. מיכאל מאַכט אַ באַזונדערע רשימה פאַר זיך. פון ווין וועט ער פאָרן קיין פּאַריז. אַ באַזונדערער קאַסטן אויף ביכער און לערן־געצייג. נעכטן האָט מען פאַרקויפט דאָס ביוראָ־טישל. קונים זענען געקומען, געגאַנגען אַריין און אַרויס. געטאַפּט די מעבל פון אויבן, פון אונטן, פון אַלע זייטן. ביסלעכווייז האָט זיך דעם פאָטערס קאַבינעט אויסגעליידיקט. די ביבליאָטעק־שאַנק האָט אָפּגעקויפט אַ יונגער גלח. זי האָט זיך געפּאַסט צו דער פּלעבאַניע, האָט אויסגעזען ווי אַ מעבל־שטיק פון סוף ניינצנטן יאָרהונדערט. די סאָפע, דאָס באַליבטע געלעגער פון הער איגנאַץ, האָט אָפּגעקויפט אַ שכנה. זי האָט באַצאָלט גראָשנס. דער הויז־וועכטער האָט פאַר אַ גוטער שאַנק צונויפגעקלאַפּט פון אַלטע ברעטער אַ קאַסטן. דער סאַלאָן האָט געהאַט דערפאָלג. אמאטאָרן זענען געקומען אים אָנקוקן. זיי האָבן זיך אייפערדיק געדונגען, אָבער זיי זענען נישט אָפּגעטראָטן, געקומען טאָג נאָך טאָג. דאָס קאַווקאַזישע נוסהאָלץ האַרמאָניזירט מיט דעמב, די פּרעכטיקע פאָרם פון דעם קרעדענס, פון דעם טיש מיט די שטולן, דער

קליינער בופעט — דאָס אַלץ האָט געלאָקט, האָבן זיי אַזוי זיך געהאַלטן אין איין דינגען און אָפּגעשלעפּט, ביז עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג פון אַרויספאָר. מען האָט געדאַרפט אָפּגעבן די מעבל פאַר אָפּגעריבענע גראָשנס. נישט געווען קיין עצה, זיי האָבן דיקטירט. די קונים זענען געווען די הארן פון דער לאַגע. פאַר־קויפּערס איז געווען אַ סך, און צייט איז געבליבן ווייניק.

מיט מיין באַגאַזש איז צוגעגאַנגען נאָרמאַל, אָן עמאָציעס. איך בין געפאָרן שטודירן. איך האָב גענומען די סאַמע נויטיקסטע זאַכן. קרובים וואַרטן מיך אָפּ, איך בין כמעט איינגעאָרדנט אין פראַנקרייך. מיכאל נעמט זיין געליבטע הינטיכע דיאַנא. ער וויל זי נישט איבערלאָזן אין פרעמדע הענט. איר זאָלט נישט מיינען אַמאָל, אַז ער נעמט זי מיט קיין פּאַריז. ער וויל זי זאָל זיין מיט זיינע עלטערן אין ישראל. — דאָרט וועט איר זיין גוט — האָט ער געזאָגט. די עלטערן זענען געווען באַזאָרגט איבער דיאַנא און האָבן זיך פאַרטראַכט וואָס מיט איר צו טאָן, זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דעצידירן. דאָס איז געווען אַ גרויסער הונט, אַ געמיש פון אַ וואָלף און אַ באָקסער, גוט אויסדרעסירט. ער איז געווען אַ גוטער באַשיצער. לעצטנס פלעגט זיך הער איגנאַצי כמעט נישט שיידן מיט איר. באַזונדערס נאָך די קולי־נאַרישע שטיק מצד די זיכערהייטס־לייט. אין די אָוונטן פלעגט ער אַרויסגיין נאָר אין דער באַגלייטונג פון דיאַנאַ.

פאַר אַריבערפירן דיאַנא קיין אויסלאַנד דאַרף מען אויסקויפן אַ בילעט פאַר דאָלאַרן. און קיין געלט איז נישט געווען. מען האָט געזוכט אַן אויסוועג. איך האָב

זיך געוואָנדן צו מיין פּאָטער, ער האָט צוגעזאָגט עפּעס צו טאָן. דיאַנאַ האָט געוואָיעט, זי איז געווען אומרואיק. עס האָט זיך איר קענטיק איבערגעגעבן דער אומגעוויינ־לעכער פיבער. יעדעס מאָל פלעגט זי זיך וואַרפן אין געיעג נאָך הער איגנאצי, ווען ער פלעגט אַריינשטייגן אין אַ טאַקסי. זי איז שיעור נישט איבערגעפאָרן געוואָרן.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון אָפּפאָר. יעדער האָט יעדן איינעם געשאָנקען אַן אָנדענקונג. האַנעטשקאַ און מאַריאַן האָבן געפונדעוועט אַ מיטאָג אין דעם „אונגאַ־רישן רעסטאָראַן״. מיר האָבן געטרונקען „לחיים״ — פּאַר געזונט און פּאַר דערפאָלג. דיאַנא איז געזעסן פאַרן איינגאַנג און געוואַרט אויף אונדז. זי האָט זיך באַרואיקט, ווייל אויך מיר האָבן שוין צוריקבאַקומען די גלייכ־געוויכט. מיר האָבן געהאַט די בילעטן און די רייזע־פאַפּירן אין די טאַשן.

✶ ✶ ✶

מיר קומען אָן אויפן גדאַנסקער וואָקזאַל. מאַסן באַ־גלייטנדיקע, געזעגענענדיקע. מיר שטייגן איין אין צוג. באַקאַנטע, פריינט דערלאַנגען די אָפּפאָרנדיקע אַ סך בלומען, ביכלעך, באָמבאָניערעס. עס זענען געקומען חברים, שילער און שילערינס. זיי זענען בייגעקומען דעם פּחד. די שטימונג איז נישט קיין געהויבענע. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי די מענטשן וואָלטן זיך גע־זעגנט אויף אייביק. אַ סך האָבן טרערן אין די אויגן. מיכאל מיטן פּאָטער זענען באַשעפטיקט. די פעראָן־באַדינונג שאַנטאַזשירט, אַז דער האַנט־באַגאַזש וועט

נישט אָפּגיין מיטן עקספּרעס, אַז עס איז נישטאָ ווו דעם הונט אויפצולאָדן. זיי ווילן כאַבאַר. מיכאלס פּאָטער קאָכט זיך. עס לייזט אים אויס דער אומאָפּשאַצבאַרער מאַריאַן.

— וואָס זאָל מען טאָן — זאָגט ער — פּוילן איז קאָרומפּירט פון אויבן ביז אַראָפּ. ווי אַ פּאָליאַק שעם איך זיך שטאַרק צוליב דעם, אָבער אָן לאַפּוווקע וועט עס נישט גיין.

מיר רירן ענדלעך פון אָרט. עמעץ האָט זיך צעוויינט אויפן קול, די רעשט געזעלשאַפט ווישט די אויגן. מיר שווייגן לאַנג. פון דער פאַרלעגנהייט רייסט אונדז אַרויס דער קאָנדוקטאָר. ער קאָנטראָלירט זאָרגפעליק די בילעטן. אַלץ איז אין אָרדנונג.

מיר זענען אַרויס מיט מיכאלן אויפן קאָרידאָר. עס איז אומהיימלעך פּוסט. די פּאַסאַזשירן זענען זעלטן אַרויסגעגאַנגען פון זייערע קופּעען. ווי זיי וואָלטן נישט געוואָלט מער שוין קוקן אויף דער ערד, אויף דעם לאַנד, אין וועלכן זיי זענען געוואָרן אַזוי אומברחמנותדיק באַוועלט. מיר פאָרן פאַרביי נעבן טשענסטאָכאָוו, מיידן אויס די פייערן פון די קאָקס־אויוונס און די הוטעס. מיר דערנענטערן זיך צו דער הויפּט־שטאָט פון דער וואָיעוואָדשאַפט. קאַטאָוויץ איז געדיכט און לעבהאַפטיק באַלויכטן. אויפן וואָקזאַל איז אַ גרויסע באַוועגונג. עס איז דער הויך־סעזאָן פון די אורלויבן. מיכאל פירט אַרויס דיאַנאַ פון איר שטייג. זי איז ממש ווילד פון פרייד, שפרינגט אַרום אויפן פּעראָן מיטן ציימל אויפן פּיסק.

מיר שטייגן צוריק איין. אין די וואַגאָנען הערשט אַ

שפּאַנונג. עס דערוואַרט אונדז אַ צאָל־רעוויזיע. אייגנט־לעך איז נישטאָ פּאַרוואָס מורא צו האָבן. די וואַליזקעס זענען נאָך אין וואַרשע געוואָרן קאָנטראָלירט און פּלאָמ־בירט. און די האַנט־טאַשן זענען אַ קלייניקייט. נישטאָ אַלזאָ וואָס צו זיין אומרואיק.

ענדלעך באַווייזן זיך די אָפיצירן פון דער גרענעץ־וואַך. זיי קאָנטראָלירן די דאָקומענטן, עפּעס נאָטירן זיי, לייגן אַרויף אַ שטעמפּל. מיר וואַרטן ווידער. עס קומט אַריין אַ צאָל־קאָנטראָלערין. אַ שיין פּנימל, שמייכלט ליבלעך. אַ מלאך, נישט קיין מענטש, זי קוקט איבער זייער אויבערפלעכלעך די דאָקומענטן, בריוו. פרעגט צי מיר האָבן פרעמדע וואַלוטע. מיר ענטפערן — יאָ, צו פינף דאָלאַר יעדער.

— און פּויליש געלט ווער האָט?

מיכאלס פּאָטער דעקלאַרירט 100 זלאָטעס. זי מאַכט עס אָוועק מיט דער האַנט. האַלט אייך דאָס פּאַר אַן אָנדענק.

איך האָב זיך אַרויסגעשאַרט אין קאָרידאָר. איך האָב זיך געקאָנט דערלויבן, כ׳האָב אַ נאָרמאַלן פּאַספּאָרט. קיינער פון די שטייפע לייט מיט די גלאַנציקע דאַשקעס האָט מיך נישט געקאָנט פּאַרדעכטיקן, נישט געקאָנט וויסן וואָס עס פּאַרבינדט אונדז. איך פּאָר אויף אַ באַגע־געניש, מיינע עלטערן וואַרטן מיך אָפּ אין פראַנקרייך, זיי פּאַרברענגען דאָרט דעם אורלויב אויפן דרום. מיט־אַמאָל האָב איך דערהערט באַאומרואיקנדיקע קולות. מען טוט דאָרט עמעצן אויס נאַקעט. פרויען, דוכט זיך אַ פרוי און שוועסטערס, האָבן פּראָטעסטירט. מען האָט זיי אַלע אַריינגעשטופּט אין אַן אַנדערן קופּעע. דאָס

האָט מען רעווידירט דעם פּאַדפּולקאָווניק ווילענסקי, געוועזענער שטאַב־אָפיציר פון דער גרענעץ־אַרמיי. אין אַ געווויסן מאָמענט האָט ער זיך איינגעבראָכן און איז געפאַלן אויסגעצויגן מיטן פּנים אַרויף. ווער איז דאָ אַ דאָקטער? — האָט מען געשריען. די צאַל־באַאַמטע זענען אַריינגעפאַלן אין די קופּעען, געזוכט אַ דאָקטאָר. דאָקטאָר פּעליציאַ גאָלאָמב איז געשטאַנען ביים איינ־גאַנג. ווילענסקי איז געלעגן אָן אַ סימן פון לעבן. זי האָט געוויזן מיט דער האַנט אויף די צאַל־אינספּעקטאָרן — זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן.

די צאַל־קאָנטראָלערן האָבן איבערגעריסן די רע־וויזיעס. זיי זענען אַרויס אין איילעניש.

פּרוי פּעליציאַ האָט דעם ליגנדיקן פּאַדפּולקאָווניק באַשפּריצט מיט דערמונטערונגס־טראָפּנס, צוגעלייגט אים צו דער נאָז עפּעס צום שמעקן, ער האָט אָבער קיין ציטער נישט געגעבן. זי האָט אים עטלעכע מאָל גע־פּאַטשט אין פּנים. דער קאָפּ האָט זיך געלאָזט איבער־קערן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, נישט רעאַגירט. ער איז געווען געל־בלוי. מיכאלס מוטער האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף די קני, האָט צוגעלייגט איר מויל צו די בלויע ליפּן פון דעם פּולקאָווניק, האָט אַריינגעאָטעמט איר אָטעם אין זיינע לונגען. נאָך עטלעכע מינוטן האָט ער אָנגעהויבן לייכט צו אָטעמען. זי האָט זיך אויפגעע־שטעלט. פּריילעכע פּיערלעך האָבן זיך איר באַוויזן אין די אויגן. זי האָט אים דערלאַנגט אַביסל וואַסער. זיין אָטעם האָט זיך אַלץ מער פאַרבעסערט. ביז ווין האָט פּרוי פּעליציאַ נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון אים, דעם גאַנצן וועג זיך מיט אים פאַרנומען.

איך האָב זיך דערמאַנט אין ראָמאַן בראַטני, דעם מחבר פון „קאָלומבי״, ווי ער האָט דאָס באַשריבן די באַרבאַרישקייט פון די ישראלדיקע סאָלדאַטן — „זיי האָבן רעווידירט געפאַנגענע״... ביי די פיס פון די צאָל־אינספּעקטאָרן איז געלעגן ווילענסקי, א לאָדזשער אַרבעטער, אַ פּאָליטישער אַרעסטירטער, עטלעכע מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן אויפן פראָנט. לאַורעאַט פון הויכע אָרדערס פון דער פוילישער פאָלקס־רעפּובליק.

נישט מעגלעך איינצודרימלען, עס קומט אַריין אַ נייע עקיפּע. פריינטלעכע טשעכאָסלאָוואַקן. מיר שמייכלען צו זיי. עס פאַרבינדט אונדז די בשותפותדיקע נויט.

— און ווו איז דער „עלטערער ברודער״? — פרעגט הער איגנאצי.

איינער פון די טשעכישע אָפיצירן לייגט צו אַ פינ־גער צו די ליפּן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך באַוויזן דער „עלטערער ברודער״. ער האָט אויסגעזען זייער יינגלעריש, אַ 22—24 יאָר אויפן אויג. די שטריכן עט־וואָס מאָנגאָלישע, אָבער דאָך אַן אייראָפּעער. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אונדז, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און איז געגאַנגען ווייטער. איינער פון די טשעכישע צאָל־אינספּעקטאָרן האָט שטיל געזאָגט: „אַ גוטער יאַט, ער פילט זיך נישט זייער גוט אין דער ראָל פון אַן אָקופּאַנט״.

די באַן האָט אָנגענומען טעמפּאָ. די עלטערן דרימלען. איך און האַנעטשקאַ קוקן אַרויס דורכן אָפענעם פענצ־טער. זייער אָפט לייענען מיר, אין ליכט פון די פעראָן־לאָמפּן אויף די סטאַנציעס, פאַרשידענע לאָזונגען קעגן דער רוסישער אָקופּאַציע. אין עטלעכע מינוטן אַרום וועלן מיר אַריבערפאָרן די עסטרייכישע גרענעץ. מי־

כאַלס פּאַטער ציט אַרויס אַ פלאַך פלעשל קאָניאַק. ער האַלט דעם קאָרקן־ציער צווישן די פינגער, די האַנט ציטערט אים. מיר טרינקען לויט דער ריי, און אַ וואָרט אויסצורעדן.

עס קומט אַרויף אַן עסטרייכער, ציוויל געקליידעט. ער שטעלט זיך פאָר אַלס אַ גרענעץ־פונקציאָנער. מיט צוריקגעהאַלטנקייט דערלאַנגען מיר אים די פּאַספּאָרטן. ער האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן זעענדיק אונדזערע נישט דעצידירטע מינעס. ער נעמט צו די דאָקומענטן. די קלאַנגען האָבן זיך באַשטעטיקט. עסטרייך האָט אַן אָפּמאַך מיט ישראל.

האַנעטשקאַ ווערט אומרואיק. איך האָב מורא פאַר אַ צוואַנגס־עמיגראַציע אין הייליקן לאַנד — זאָגט זי מיט בייסיקייט. מיכאל שלאָגט איר איבער:

— איך האָב נישט קיין מורא. איך קען זיך באַגיין אַן דער דאָזיקער קענקאַרטע. די גרענעצן אין מערב ווערן שוואַך געהיטן.

ענדלעך שלעפּט זיך אַרויף די באַן אויפן וואָקזאַל

ווין־דרום.

פּאָלקאָווניק ווילענסקי געזעגנט זיך מיט מיכאלס על־טערן. — איך האָב נישט קיין ווערטער פאַר דער פרוי דאָקטאָר. — זאָגט ער מיט דרך ארץ — איר האָט מיר אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן.

דער פאָטער דריקט אים די האַנט און פרעגט דערביי:

— פאַרוואָס פאָרסטו נישט קיין ישראל?

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, אויך דאָרט איז נישט פריילעך. איך האָב מורא פאַר די דאָזיקע פאַנאַ־טיקער. מיר האָבן שוין דאָס יונגע פּאָרפאָלק אין ווין,

אַ געמישט פּאַרפּאַלק. איך וווּנדער זיך וואָס דו פּאָרסט אַהין און דו שטעלסט די דייניקע אין אַ געפאַר. גרויס־מוטיק וועלן זיי צו דיר נישט זיין. דער קאָנטער־שפּיאָנאַזש וועט דיר טרעטן אויף די פּיענטעס אַזוי ווי אין פּוילן. דו וועסט זיי דערפילן אַפילו ביים זוכן אַרבעט, ביים דערהאַלטן די רענטע אַלס אַ מלחמה־אינוואַליד. דו וועסט נישט האָבן קיין גלייכע רעכט מיט אַנדערע.

— איך וועל אַלץ פאַרטראָגן. מען גיט זיך ווי עס איז אַן עצה און מ׳לעבט. איך וויל ענדלעך געהערן צו דער מערהייט. עס איז מיר שוין נמאס געוואָרן צו לעבן מיט די פּריווילעגיעס פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט. — העד איגנאַצי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און אַ פרעג געטאָן:

— וווּהין אייגנטלעך טראָגט עס דיך?

— איך באַמי זיך וועגן אַרויספאָרן קיין קאַנאַדע. איך האָב דאָרט אַ ברודער און אַ שוועסטער, עס גייט זיי אויסגעצייכנט. אין קאַנאַדע איז נישטאָ קיין אַנטיסע־מיטיזם, און אויך נישט קיין ראַסיסטישע פאַראורטיילן. מ׳וועט קענען אַביסל אָפּלעבן אין רו.

— הם, — האָט אַ ברום געטאָן מיין קומענדיקער שוועגער — דו ווייסט וואָס עס איז געשען אין קאַנאַדע מיט די יאַפּאַנער ביים אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה?

— ניין, איך ווייס נישט — האָט אָפּגעענטפערט ווי־לענסקי.

— נאָך די ערשטע קלעפּ און נצחונות פון די יאַפּאַנער זענען די קאַנאַדער אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק. זיי האָבן דערוואַרט אַ דעסאַנט פון דעם „לאַנד פון בליענדיקן

קאַרשן־בוים״. זיי האָבן דעפּאָרטירט אַלע יאַפּאַנער פון דעם ברעג־פּאַס לענגאויס דעם פּאַציפיק. דערוואַקסענע, קינדער, פרויען און זקנים — אַלעמען האָבן זיי אַוועק־געפירט טיף אין די וועלדער, טויזנטער קילאָמעטערס פון זייערע ישובים און היימען. מאַכנדיק אַ סך־הכל פון די דאָזיקע דערפאַרונגען און היסטאָרישע געשעענישן, אויף אָט דעם געביט, וויל איך ליבערש געהערן צו דער מערהייט.

— ווערסט האָבן אַ געלעגנהייט צו פאַרפאַלגן די אַראַבער.

— פאַרפאָלגן... קעמפן — יאָ. ישראל האָט רעכט צו לעבן און צו עקזיסטירן. אַדאַנק דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה האָבן מיר וווהין צו עמיגרירן, אַוועקצולייגן און אַנצושפּאַרן ערגעץ דעם פאַרמאַטערטן קאָפּ. איך קאָן זיך דערלויבן אויף טאָלעראַנץ און איך וועל שטענדיק שטרעבן צו אַ צוזאַמענלעבן מיט די אַראַבער.

די פאָרשטייער פון דער סוכנות האָבן אונטערגעאײַלט. מיכאל און זיינע עלטערן זענען איינגעשטיגן אין אַ מיק־ראָבוס און אַרויסגעפאָרן ערגעץ אין אַ שלאָס הינטער ווין. איך בין צוזאַמען מיט האנעטשקא און מיט מאַריאַן איינגעשטיגן אין אַ פּאַסאַזשיר־אויטאָ.

אויף צומאָרגנס טרעפן מיר זיך אַלע ביי דער פראַנ־צויזישער אַמבאַסאַדע. מיט מיין קענטעניש פון דער שפּראַך בין איך די אָנפירערין. מיר קומען גיך צו צום קוואַל פון די אינפאָרמאַציעס: די וויזע, וואָס איז צוגע־שיקט געוואָרן פאַר מיכאלן, איז נישט גילטיק. מען דאַרף זי באַנייען אויפן אָרט. עס וועט נישט דויערן לאַנג.

העכסטנס עטלעכע וואָכן. מיר זיצן אין האָל און באַראַטן זיך וואָס צו טאָן. איך לאָז זיך מאָרגן אין וועג אַריין. איך האָב אַ דורכפאָר־וויזע. מיכאל וועט פון „היאס" קיין הילף נישט קריגן. פראַנקרייך נעמט נישט אויף קיין עמיגראַנטן, אָבער קיין ישראל וויל ער נישט פאָרן. די הויפּט־סיבה דאָס בין איך — מיין פּערזאָן און אונדזער ליבע. מיר ווילן זיין צוזאַמען. מיכאל איז אין כעס אויפן פאָרשטייער פון דער סוכנות, הלמאי ער האָט פאַרהאַלטן ביי זיך די רייזע־פּאַפּירן. אַרום האָט מען דערציילט, אַז מען קערט זיי נישט צוריק.

מיר האָבן זיך אָנגערעדט צו דער זעט, אָבער אָן שום אויסזיכטן צו לייזן דאָס דאָזיקע שווערע רעטעניש. מיר לאָזן זיך צום „היאס". דער טראַמוואַי האָט אונדז צוגעפירט צו איינער פון די הויפּט־גאַסן, און פון דער סטאַציע האָבן מיר פאַרקירעוועט אין אַ זייטיק געסל. ענדלעך טרעפן מיר אָן אויף אַ גרופּע יונגע מענטשן. מיר פרעגן זיך אָן אויפן וועג. — אָקופּאַנטן פון פּוילן? — יאָ, — זאָגן מיר — מיר גייען אַקופּירן דעם „היאָס". — מיר אויך — ענטפערן זיי. און אַזוי זענען מיר פריילעכע אַריינגעקומען אויף אַ קליין פּלעצל, ווו עס האָט געראַיעט מיט מענטשן.

מיר קומען אַריין אין אַ טונקעלן טויער, שטופּן זיך אַדורך צו די טרעפּ. אַ רייע ווי אין וואַרשע נאָך ברויט. מיכאל האָט פון געוווינהייט פאַרנומען אַן אָרט אין דער רייע. מיר האָבן אים גיך פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט. עס זענען דאָ פאַראַן עטלעכע רייען און זאַלן — באַזונדער קיין קאַנאַדע, באַזונדער קיין אויסטראַליע און אין פאַרשידענע אַנדערע לענדער. די גראבסקיס האָבן אַזש

אויפן העברון שטאַק אָפּגעפּונען זייער באַאַמטן. זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז נישט פריער ווי אין דריי שעה אַרום וועלן זיי זיך דאָרט קענען אַריינבאַקומען. עמעץ היט דאָרטן די אָרדנונג, זיי האָבן באַקומען אַ נומער 79. מיר שטייגן איין אין טראַמוואַי און פאָרן צו דער סוכנות. דורכן פענצטער קוקן מיר זיך צו מיט נייגעריקייט צו דער שטאָט. ווין איז ערטערווייז זייער שיין. באַזונדערט דאָס וואָס עס איז איבערגעבליבן פון די אַלטע קייזערלעכע צייטן. אין די קאַטעדרעס און קלויסטערס הערשט אומעטום דער גאָטישער סטיל. די דענקמעלער דערמאָנען די רומפולע געשיכטע פון אַלטן עסטרייך. פאַרפאַנצערטע און באַוואָפנטע ריטערס אויף פערד קעמפן מיט פיל־קעפיקע חיות און מיט הערעטי־קער, אומגלויביקע. אונטער די קאָפּיטעס פון זייערע פערד וואַלגערן זיך טאָטערישע העלמען און קרומע טערקישע שווערדן. פאָרן פּראַכטפולן באַראָק־בנין פון פּאַרלאַמענט זיצט נאַכלעסיק אין זאָטל, אַ טרויעריק פּאָרטראַכטער, דער באַזיגער פון איטאַליע, ראַדעצקי.

אָט איז פאַר אונדז די „יידישע אַגענץ״. אַרום איז לײדיק און שטיל. זעלטן ווער עס באַוויזט זיך אין קאָ־רידאָר און אין וואַרט־זאַל. פאַר אונדז זענען דאָ געווען קליענטן. מיר געפינען דאָ רעשטלעך פון עסן, אַש און סיגאַרעטן־רעשטלעך אין דעם אַש־בעכער.

מען פאַרבעט אונדז אַריין אין קאַבינעט. עס שטעלט זיך אויף אַנטקעגן אונדז אַ דאַרער מאַן פון מיטעלן וווקס. ער שטעלט זיך פאָר פאַר אונדז. ער איז דער פאָרשטייער פון ישראל. מיר זעצן זיך צו. ער באַגריסט

אונדז און דריקט אויס צופרידנקייט וואָס מיר האָבן באַשלאָסן צו פֿאָרן אין לאַנד.

הער איגנאַצי האָט געגעבן אַ הוסט. נאָך אַ קורצער ווײַלע האָט ער אים אַרויסגעפֿירט פֿון דעם טעות. מיר זענען אַלע געווען אין אַ פֿאַרלעגנהייט. די יונגערע קלײַבן זיך צו פֿאָרן מעבר לים, און די עלטערע קיין ישראל. בעתן געשפּרעך דערוויסן מיר זיך אינטערעסאַנטע פּר־טים. פּרופֿ׳ פּעליציאַ וויל וויסן צי זיי וועלן באַקומען אַרבעט. מען האָט אויך גערעדט וועגן די באַדינגונגען פֿאַר דער שטודירנדיקער יוגנט, ווי איז מיט סטיפּענ־דיעס, צוגרייטונגס־קורסן פֿון דער העברעיִשער שפּראַך, צימערן אין אַקאַדעמישן הויז.

אַ צוגעלאָזענע, פֿרײַנטלעכע אַטמאָספֿער, אָפֿענע אָרעמס פֿאַר די וואָס שטרעבן זיך צו באַזעצן אין ישראל. דער פֿאָרשטייער איז אַלעמען געפֿעלן געוואָרן. אַן אײַ־ראָפּעער אין דער פּולער מאָס.

מיכאל בלײַבט אַליין. דער ישראל פֿאָרשטייער וויל זיך מיט אים אַדורכרעדן אונטער פֿיר אויגן. מיר וואַרטן אומגעדולדיק. עס איז שוין אַדורך אַ האַלבע שעה, און מיכאלן זעט מען נאָך אַלץ נישט.

ענדלעך קומט מיכאל אַרויס. ער פּאַכעט מיט זײַן „קענקאַרטע״. ער איז אויסערסט צופֿרידן. — ענדלעך ווייס איך, אַז ישראל שלעפּט קיינעם נישט מיט כּוח. אַ פֿײַנער חברהמאַן. ער האָט מיר אָנדערציילט אַ סך אינטערעסאַנטע געשיכטעס. איינס איז זיכער: ווען עס וועט זיך מיר פֿאַרגלוסטן, וועל איך קענען פֿאָרן קיין ישראל. איך קאָן זײַן עטלעכע חדשים אין ישראל, ווערן דאָרט אַ בירגער און אַרויספֿאָרן אין דער וועלט אַרײַן.

נישטאָ קיין צוואַנג. דאָס איז נישט דאָס וואָס ביי אונדז אין פוילן.

מיר זענען געזעסן אויף אַ באַנק אין שאָטן פון אַ געדיכטן קלאָן. מיכאל האָט זיך פאַרכליניעט פון צופרידנקייט און אַנטציקונג. — איך האָב געמיינט, אַז דעם דאָקומענט וועט ער מיר נישט אָפּגעבן. אַן אייגענער יאָט, אַן אייגענער יאָט — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט.

מיר האָבן שטייענדיקערהייט אָפּגעגעסן וווּרשטעלעך מיט מושטאַרדע און פאַרטרונקען מיט ביר. מיר פאָרן צו אין „היאס״, זיך דערוויסן וואָס איז מיט זיי. מיר רעדן אויפן גאַנצן וועג און מיר וווּנדערן זיך, פאַרוואָס קומען אַזוי ווייניק מענטשן אין דער סוכנות, אין דער צייט ווען אין „היאס״ ברעכן זיך שיעור נישט איין די שטיגן פון דעם עודף פון מענטשן. מיר זענען דאָס מאָל אָנגעפאָרן פון אַ צווייטער גאַס, אַביסל נאָענטער. אונדזערע שטייען אין דער רייע. קנוילן רויך פון טאַבאַק פאַרטונקעלן די לופט. דאָס עלעקטרישע ליכט אין קאָרידאָר און די פענצטער אין די צימערן זעען זיך ווי פון נעפּל אַרויס. מיר הערן זיך צו צו די שמועסן. קיינער רעדט נישט קיין שלעכטס אויף ישראל. אַלע זענען אַנטציקט פון דער אַרמיי, פון דער לאַנדווירטשאַפט, פון דער דעמאָקראַטיע. נאָר אין „אָבער״: עס הערשן דאָרט זאַבאָבאַנעס. מזוזות הענגען ביי די טירן, כדי אָפּצושרעקן בייזע רוחות. שבת זענען די טעאַטערן און קינאָס געשלאָסן. די מענער מוזן זיין געמלה׳ט, פּונקט אַזוי ווי די טאַטאַרן און בעדואינער. דאָס דאַרף זיין דער סימן פון יידישקייט. פרייטיק נאָכמיטאָג איז שוין נישטאָ קיין

קאָמוניקאַציע. אויב מ׳וויל עמעצן באַזוכן, דאַרף מען גיין שעהן צופוס...

מ׳זאָגט, אַז רייכע אַמעריקאַנער יידן גיבן געלט, אונטערן באַדינג אַז עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן די אַלע פאַרשידענע אלטערטימלעכע מצוות. אליין היטן זיי נישט אָפּ, און מיטן געלט ווילן זיי זיך אויסקויפן פון זייערע חטאים ביים רבונו של עולם.

יונגע פּאָרלעך טוליען זיך איינער צום אַנדערן ווי פאַרבלאָנקעטע פייגל. עס איז מיר אַ רחמנות אויף זיי. גוט וואָס עס איז פאַראַן וועלכער אויסוועג. איך נעם אַן מיכאלן ביי די פינגער און דריק זיי פעסט. מיכאל מישט זיך אַריין אין די שמועסן. ער דערציילט וואָס מען האָט אים געזאָגט אין דער סוכנות. — אַ ליפּע, אַ בלאָף — שרייט מען פון אַלע זייטן. — קיין ציווילע הייראָטן זענען נישטאָ. ווער וויסט וואָס זיי וועלן דאָרט נאָך אנפראווען. די פרוי איז קענטיק טמאה, זי האָט נישט די זעלבע רעכט וואָס דער מאַן. עמעץ פּראָטעסטירט, אַז מען טרייבט שטאַרק איבער. ער פאָרט טאַקע, וואָס אַן אמת, קיין האַנדרוראס, אָבער וואָס שייך ישראל, וויל ער אַ נישט געפּעלשטע באַלויכטונג. — לאָמיר נישט איבערטרייבן! — האָט ער אויסגערופן — די אַרבעטער פּאַרטיי און מפ״ם קעמפן מיט די דאָזיקע שוואַרצע קראען. — זיי שטייען יאָרנלאַנג אויף אַן אָרט, זיי האָבן זיך אפילו צוריקגעצויגן! — האָט עמעץ אויסגעשריען. — אמת, אמת. — האָט מען צוגעשטימט.

— נישט אויסגעשלאָסן. די מלחמה דויערט און די דאָזיקע בעסטיעס נוצן אויס די שוואַכקייט פון דער

אַרבעטער־פּאַרטיי. — מישט זיך אַריין אַ מיידל, פאַר־
ציענדיק אירע רייד מיט אַ רוסישן אַקצענט.

— זאָל זי נישט זיין שוואַך — היצט זיך איינער אַ יונגערמאַן מיט לאַנגע באַקנבערד. — איך וועל קומען אַהין, כ׳וועל אַרבעטן, קעמפן, און די קינדער, די פרוי וועלן זיין אַן רעכט, ווייל... זיי זענען געבוירן געוואָרן נישט פון קיין יידישער מוטער. — און איך בין וואָס אפשר אַ הונט, אַ סאבאקע. אומדערהערט, איך בין אַ ייד, נאָר מיינע קינדער זענען וואָס, אונטערגעוואָרפענע, יידישע ממזרים! ניין, איך וועל נישט פאָרן. איך בין אַ פיזיקער, איך וועל אומעטום געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ.

מיכאלס פאָטער האָט מיט זיין אייגנטימלעכן טאַקט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם שמועס.

— איך פאָר קיין ישראל. איך פיל זיך אַלס אַן איי־ראָפּעער און איך טראַכט נישט בכלל צו ענדערן מיין לעבנס־שטייגער. איך גיב זיך אָפּ א חשבון פון די קלאַפּאָטן, וואָס דערוואַרטן מיך. איך וויל פאַרשטאַרקן די רייען פון די, וועלכע בויען. די מלחמה דויערט און עס זענען נויטיק זעלנער. אַ שאָד וואָס איך קום נישט אין באַטראַכט. — האָט שטיל צוגעגעבן הער איגנאַצי.

— האַ, האַ, — האָבן זיך אָפּגערופן שטימען. — מיר וועלן גיין פרייוויליק ווען עס וועט נויטיק זיין.

אויף צומאָרגנס דאַרף איך אַרויספאָרן קיין פּאַריז. איך הער נישט אויף צו טראַכטן וועגן דעם וואָס עס וועט זיין מיט מיכאלן און ווען מיר וועלן זיך טרעפן. מיר טיילן זיך אָפּ פון די איבעריקע, מיר ווילן זיין אַליין, מיט זיך. אַ סך דאגות זענען געהאָנגען איבער

אונדז. מיכאל איז פֿאַרכישופֿט פֿון דעם פֿאַרשטייער. ער הערט נישט אויף צו באַטראַכטן און צו וועגן פֿאַר און קעגן. מיטאַמאָל קומט ער צו אַן איבעראַשנדיקן אויספֿיר. — איך וועל מסתמא פֿאָרן קיין ישראל. איך וועל ווערן אַ נאָרמאַלער בירגער. כ'וועל אויפֿהערן זיין אַ פֿרעמדער, אַן אונטערגעוואָרפֿענער. דו וועסט דערווייל זיך איינאָרדענען אין פּאַריז. וועסט זיך אָנהייבן לערנען. אפֿשר וועל איך אויך אָנהייבן שטודירן. מיר וועלן זען. אָדער איך וועל דיך אַראָפּנעמען קיין ישראל, אָדער דו מיך קיין פֿראַנקרייך. איך וועל קומען צו פֿאָרן ווי אַ ביר־גער פֿון אַ ניי אָפּגעפֿונען פֿאָטערלאַנד, מיט אַן אמתן פּאַספּאָרט אין טאַש.

מיכאלס עלטערן האָבן אָנגענומען די דאָזיקע ענדע־רונג מיט באַגייסטערונג. די פֿרוי דאָקטאָר האָט דיס־קרעט אָפּגעווישט די טרערן פֿון די אויגן. מיכאל ווערט ממש צעריסן, אַלע קושן אים.

איך בין געשטאַנען אַ זייט, ווען מיר האָט מען ווי איינגאַנצן פֿאַרגעסן. עס האָט מיך אָנגענומען אַ רחמנות אויף זיך אַליין. כ'האָב מורא געהאַט, אַז איך זע מיכאלן צום לעצטן מאָל. צומאָרגנס, מיר געזעגענען זיך. איך בין געשטאַנען אין פֿענצטער פֿון וואַגאָן, אין צוג ווין־פּאַריז. מיכאל נעבן מיר. איך האָב באַקומען אַ באַשיי־דענעם בוקעט בלומען און עפּעס אויף איין צאָן איבער־צובייסן.

מאַריאַן פֿאָטאָגראַפֿירט. ער בויגט זיך אַראָפּ, שטעלט זיך אויף די קני, שפּרינגט, לויפֿט פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן, ענדלעך בלייבן מיר מיט מיכאלן ביים פֿענצ־טער פֿון וואַגאָן. מיר פֿילן דיאנא ביי די פֿיס, מיר נעמען

זי אַריין אין מיטן. די לעצטע אויפנאַמע און דער לעצ־טער קוש.

די באַן רירט פון אָרט. אַלע שטייען, פּאָזירן ווי צו אַ פאַמיליען־בילד.

מיכאל האָט זיך פלוצלונג אָפּגעריסן, ער לויפט אויף דער ראמפּע. דער ווינט האָט אים צעשויבערט די האָר. ער האָט אויסגעזען וווּנדערבאַר. עס האָט מיר אַ שטיק געטאָן אין האַרצן, כ׳האָב אַרויסגענומען דאָס טיכעלע. מיכאל האָט זיך מיטאַמאָל פאַרהאַלטן — עס האָט זיך פאַרענדיקט דער פּראָן.

אַ וואָך שפּעטער איז מיכאל צוזאַמען מיט זיינע על־טערן אָפּגעפלויגן קיין ישראל. מיר האָבן גיך פאַרבונדן דעם קאָנטאַקט און די קאָרעספּאָנדענץ איז געגאַנגען רעגולער. פון דעם וואָס מיכאל האָט געשריבן, האָב איך זיך געקאָנט אויסמאָלן אַ בילד פון ישראל, אפשר נישט קיין פולס, אָבער אַ פאַרכאַפּנדיק בילד.

נאָך עטלעכע טעג ביי די קרובים אין תל אביב, איז די משפּחה גאָלאָמב אָפּגעפאָרן אין אַן אולפּן. זיי האָבן זיך גוט געפילט, נישט געקוקט אויף דעם איבערגע־לעבטן שאָק און דער שרעקלעכער פארמאטערטקייט. די עלטערן איז די שטאָט אשדוד זייער געפעלן געוואָרן, און פון דעם ים זענען זיי גאָר געווען אַנטציקט. „ער־טערוויז — האָט מיכאל געשריבן — שטייען די ניי אויסגעבויטע גאסן און הייזער אויפן ווייסן זאַמד. דער באַווינטער טייל פון דער שטאָט איז געוואָרן באַ־פלאַנצט מיט קוסטן, בלומען און מיט יונגינקע ביימע־לעך. אין דער נישט ווייטער צוקונפט וועלן אויס־וואַקסן פרעכטיקע אלייען פון אַקאַציע און פון אַנדערע

ביימער, וואָס זייערע נעמען ווייס איך נאָך נישט. דאָס איבערוואַנדלען די וויסטע אָרטשאַפטן אין בליענדיקע אָאַזיסן שפּיגלט זיך אָפּ אין אשדוד אַזוי ווי אויף דער האַנט־פלאַך". — מיכאל גרייט זיך צו די עקזאַמענס, ער אַרבעט אַ סך. ער באַזוכט אויסשטעלונגען און מוזעאומס. ער האָט צוזאַמען מיט די קרובים באַזוכט די אימפּאָנירנדיקע אויסשטעלונג פון מיליטערישער אויסשטאַטונג און טראָפייען.

„תל אביב — האָט מיכאל געשריבן — איז אַ גרויסע, ברייט אויסגעלייגטע און נידעריק פאַרבויטע שטאָט. זי טוקט זיך אין גרינס, וואָס גיט איר צו פּראַכט און פאַרשטעלט דאָס מיאוסקייט, וואָס שיינט אַרויס מיט נאַקעטקייט און שמוץ. געוויסע קוואַרטאַלן זענען שיינע און זויבערע. עס זענען אויך פאַראַן עטלעכע פונקציאָנעלע וואָלקנקראַצערס. די אויטאָ־באַוועגונג איז זייער אַ גרויסע, א סך גרעסער ווי אין וואַרשע. די אויטאָבוסן־קאָמוניקאַציע איז זייער גוט אָרגאַניזירט, זי פונקציאָנירט פיל בעסער ווי אין פּוילן. קיין בעטלערס פעלן נישט. טיילמאָל פאַרלייגן זיי די טראָטואַרן. די שוייפענצטערס געמאַכט מיט געשמאַק, איבערגעפּולט מיט אַלעם גוטן, זיי שטייען נישט אָפּ פון פּאַריז. מען קאָן אַלצדינג באַקומען אָן רייען".

איך בין אין אָט דער צייט נישט אַרומגעגאַנגען לייִדיק. כ'האָב אָפּגעגעבן די עקזאַמענס. איך בין געוואָרן אַ סטודענטקע פון סאָרבאָן. איך האָב געאַרבעט אַלס אַ פלעגערין פון קינדער. איך האָב פאַרדינט און עס איז מיר נישט שלעכט געגאַנגען. אפילו צוזאַמען מיט מיכאלן וואָלטן מיר געקאָנט אויסלעבן.

מיכאל איז אַלץ מער און מער איבערגענומען מיט ישראל. ער פילט זיך גוט. די פּרעסע געפעלט אים. עס גייט אויך אַרויס אַ פּוילישע טאָג־צייטונג, וועלכע פאַר־עפנטלעכט אָביעקטיווע ידיעות פון לאַנד און פון דער וועלט. איך האָב באַקומען אויך ליבלעכע בריוו פון מי־כאלס עלטערן, זיי האַלטן, אַז איך דאַרף קומען. זיי דערוואַרטן מיך, איך וועל זיין ביי זיי ווי אַ טאָכטער.

איך האָב זיך פאַרטראַכט וואָס איך זאָל טאָן. דערווייל האָב איך נישט געזען קיין שום מעגלעכקייטן פאַר מיכאלן. די מאַטורע איז נישט קיין פּאַך. אייניקע פון אונדזערע מענטשן אַרבעטן ביי צייטווייליקע באַשעפטי־קונגען אין די פאַריזער האַלעס. די פאַרקויפערינס אין די האַלעס פרעגן נישט וועגן קיין דאָקומענטן און נישט וועגן קיין אויפהאַלטס־רעכט. זיי זענען שוין געוווינט צו וואַגאַבונדן און פאַרבייפליענדיקע פייגל. די אַרבעט איז אַ שווערע און די אומגליקלעכע ווערן אויסגענוצט אָן רחמנות.

אַ געוויסן טאָג בין איך אַריין אין ישראלדיקן קאָנסו־לאַט. איך האָב זיי דערציילט וועגן מיכאלן. איך וואָלט געוואָלט אַהינפאָרן צו אים. זען דאָס לאַנד, זיך ארומ־קוקן. איך האָב געזאָגט אַז איך בין אַ פּוילישע, פון קאַטוילישן אָפּשטאַם. מיר ווילן הייראַטן. די יונגע דאַ־מען זענען געווען זייער העפלעך. די ראַמאַנישע געשיכ־טע האָט זיי געוואונען ביים האַרצן. זיי האָבן מיר געראַטן צו פאָרן אַהין מיט אַן אויספלוג, צו באַקענען די באַדינ־גונגען. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט אַ באַזונדער בלעטל אין פּאַספּאָרט, איך זאָל נישט האָבן קיין אומאַנגענעמ־לעכקייטן פון דער מאַכט אין פוילן.

אין בריוו פון מיכאלס עלטערן האָב איך געהאַט גאָר אַנדערע אָנווייזונגען. זיי האָבן מיר אָנגעזאָגט איך זאָל זיך פאַרופן אויף זיי, כ׳זאָל זאָגן, אַז הער איגנאַצי איז מיין פעטער. איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז הייראַטנדיק מיט מיכאלן, ווער איך אַ טייל פון דעם יידישן פאָלק, איבעריקנס, אַזוי פירט זיך אויף דער גאַנצער וועלט. איך האָב געהאַט אַ סך פאַרבאַהאַלטן און סקרופולן. די דערציִאונג, די קאַטוילישע עטיק און מיין גרויסע סימפּאַטיע צו ישראל — דאָס אַלץ האָט געווירקט אָפּהאַלטנדיק. איך האָב נישט געוואָלט אָנהייבן דאָס נייע לעבן פון שקרים.

מיכאל האָט אין משך פון אַט דער צייט אַנטדעקט אַמעריקע. ער האָט משפּחה, קרובים. ער האָט אָפּגעפו־נען אַ מומע, אַ לייבלעכע שוועסטער פון דעם זיידן, וועלכן ער האָט נישט געקענט.

אַ געוויסן טאָג האָט מיר מיכאל אָנגעשריבן וועגן די רעליגיעזע מענטשן. די וואָס טראָגן אַ יאַרמלקע, זענען פרומע, און די גאָר שטאַרק פרומע וועלכע טוען אפילו נישט אויס דאָס קאַפּעלע ווען זיי לייגן זיך שלאָפן. אייניקע פון די קרובים טוען אָן די יאַרמלקע נאָר צו די שבתדיקע מאָלצייטן. צייטנווייז פּרובירן זיי אים אַרויפלייגן אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ, אָבער זיי מאַכן דאָס גענוג דעליקאַט, זיי שפּאָרן זיך נישט איין. יונגע מענטש־שן פאָרן מיט אויטאָס שבת און אין די יומטובים.

צום מערסטן שאָקירט איז ער געווען ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף צוויי פעסט געבויטע מענער מיט פוקסענע הוטן אויף זייערע קעפּ, ענלעך צו די הוטן, וואָס עס האָבן געטראָגן די קרימער טאַטאַרן אין די

צייטן פון סטיענקא ריאזין. זיי זענען געווען אנגעטאָן אין לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס. זיי האָבן אויסגעזען אָריגינעל. עס איז געווען הייס, די היץ האָט געשלאָגן פון הימל, און זיי האָבן אַזוי מאַיעסטעטיש געשפּאַנט, האַלטנדיק עפּעס אַזעלכע פליושענע זעקעלעך אונטערן אָרעם. ער האָט געמיינט, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך עפּעס אַ מאָדנעם שבט פון אַראַבער, איז ער געשטאַנען און האָט זיך נייגעריק צוגעקוקט צו זיי. עמעץ האָט באַמערקט, אַז ער שטייט אַזוי פאַרחידושט, האָט ער אים עפּעס געזאָגט אויף יידיש. ער האָט נישט פאַרשטאַנען. דער אומבאַקאַנטער האָט געפּרוווט אים אויפקלערן אין אַ צעבראָכענעם ענגליש. צום סוף האָט זיך מיכאל געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ מין שבט פון די „יידישע קאָזאַקן".

עס איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער, וואָס האָט זיך געקייקלט ביז צום סופיט. די פון פּרעזידיום זענען שיעור נישט אַראָפּגעפאַלן פון די שטולן. — געוואַלט, איך האַלט נישט אויס! — האָט געשריען אַ סטודענט פון בוענאָס איירעס. — די פון מזרח־אייראָפּע זענען דאָך אמתע גויים! צוזאַמען מיט זיי האָבן זיך אויך געקאַטשעט פון געלעכטער די סטודענטן פון טוניסיע, נישט פאַרשטייענדיק וועגן וואָס דאָ גייט. זיי זענען אַרומגעלאָפן פון איינעם צום אַנדערן. — וואָס איז געשען? וואָס לאַכט איר? מען האָט זיי געפּרוווט דערקלערן, אָבער עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען דערפון. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין יידיש, פּונקט אַזוי ווי מיכאל. זיי האָבן איבערגעחזרט אויפן קול, אַרויסזאָגנדיק קוים די ווערטער „דאָס זענען גאָטס קאָזאַקן"...

ווען דער זאַל האָט זיך ענדלעך באַרואיקט, האָט

דאַן אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן מיכאל. עפּעס איז ער נישט צופרידן, נישט מסכים מיט באַשען. ער איז אַרויף אויפן בענקל און האָט אַפּעלירט צו זיין יונגער פרוי, אַז זי מוז נישט וועגן אַלצדינג דערציילן.

— ווען מען אינטערעסירט דען וואָס איך האָב צו דיר געשריבן.

— אינטערעסאַנט, עס איז אינטערעסירט. — האָבן געשריען די סטודענטן. — אויך מיר אַנטדעקן דאָ אַ „נייע וועלט".

צום סוף האָט מיכאל אַריינגעטראָגן אַ פאָרמעלן פאָר־שלאָג: איבערלאָזן באַשען צען מינוט צו פאַרענדיקן איר רעדע.

מען האָט אָפּגעשטימט. פאַר מיכאלס פאָרשלאָג האָבן זיך אויפגעהויבן נאָר דריי הענט. עס האָבן געשטימט פאַר אים צוויי סטודענטן פון טוניסיע און דער משגיח איבערן כשרן עסן אין אולפּן, ר' גדליהו.

צום מערסטן פון אַלע ישראלדיקע שטעט איז מיכאלן געפעלן געוואָרן ירושלים. אינדערפרי האָבן אים אויפ־געוועקט די גלאָקן פון די קלויסטערס, פונקט אַזוי ווי אין וואַרשע. אַן אַנגענעם געפיל. ער ליגט אין בעט און הערט זיך צו צום קלאַנג פון די גלאָקן, קליינע און גרויסע, וועלכע קלינגען און וועקן.

אָבער ווען עס פלעגט קומען פרייטיק נאָכמיטאָג, פלעגט מיכאל איבערלעבן אַן אמתן קאָנצערט. געעפנט דעם קאָנצערט האָבן די דינע און די באַסאָווע גלאָקן פון די קלויסטערס. דאַן האָט זיך פּלוצלונג אָפּגערופן אַ שופר, וואָס האָט געפייפט און געבלאָזן מיט איבער־געריסענע טאַקטן, אַנזאָגנדיק דעם שבת. און מיטאַמאָל

האָט זיך אויך אַריינגעמישט דאָס קול פון דעם מואזין פון דעם שכנותדיקן מעטשעט, וועלכער האָט גערופן די מוסולמענער צו דער תפילה. מיכאל האָט באַדויערט וואָס ער איז נישט קיין מוזיקער. ער וואָלט געקאָנט עפּעס קאָמפּאָנירן, אָנשרייבן אַ סימפאָניע פון פרידלעכן צוזאַמענלעבן צווישן פעלקער און רעליגיעס.

אָנגעשטעקט מיט באַגייסטערונג פון מיכאלס בריוו, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין ישראל. ער האָט מיך אָפּגעוואַרט אין חיפה׳ר פּאָרט. די פרייד איז געווען אומגעהויער שטאַרק. ער האָט מיך געכאַפּט אויף די הענט און מיך געטראָגן אַ הונדערט מעטער. מיר האָבן פאַרגעסן אין די וואַליזקעס, אָבער מיר האָבן זיך באַ־צייטנס צוריקגעקערט נאָך זיי — האָט באשיא צוגע־געבן. מיר זענען איינגעשטיגן אין אַן אויטאָקאַר. אויפן וועג האָב איך געזען נאָר מיכאלן.

וואונדערט אייך נישט, מיר זענען געווען צעשיידט גאַנצע דריי חדשים. די עלטערן האָבן מיך אויפגענומען זייער פריינטלעך. איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי גליקלעך, איך האָב געשוועבט אין די הימלען. און דאָס מזל איז מיר טאַקע ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. דער דירעקטאָר פון אולפן, אַן עלטערער, נידעריקער מאַן מיט אַ מנורהלע אין דער קלאַפּע, האָט מיך אויפ־גענומען מיט דער עכט ישראלדיקער גאַסטפריינטלעכ־קייט.

מיר האָבן פאַרבראַכט אַן אָנגענעמען אָוונט אין אַ קרייז פון פריינט פון פוילן. צומאָרגנס בין איך אַוועק־געפאָרן צו קרובים, וועלכע וווינען אין רמת אביב.

איך קאָן זיך נישט באַקלאָגן. אַלץ וואָס זיי האָבן

געהאַט האָבן זיי אַרויסגעשטעלט אויפן טיש. אין די שמועסן האָב איך אָבער געפילט רעזערוו און צוריקגע־האַלטנקייט. די יונגע האָבן מיך אָנגעקוקט מיט נייגע־ריקייט, אָבער קאַלט. זיי פלעגן זיך באַגריסן מיט מיר און זיך שנעל אָפּטראָגן. איך האָב זיך דערפילט ווי אַ פרעמדע. איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז עס זענען פאַראַן סיבות דערויף. איך האָב קיינעם נישט באַשולדיקט. איך האָב געקעמפט מיט זיך אַז איך זאָל נישט אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג. מיכאלס עלטערן זענען געווען באַזאָרגט וועגן אונדז. נאָך אַ קורצער צייט האָבן זיי אונדז אַנטעלעפאָנירט און זיי האָבן זיך גלייך אָריענטירט. זיי האָבן געבעטן מיר זאָלן זיך גלייך צוריקקערן קיין אשדוד. איך האָב זיך דערפילט בעסער, די שטימונג האָט זיך מיר פאַרבעסערט. אַזעלכע ווי איך זענען דאָ געווען מערערע אין ישראל. אַלע זענען מיר געווען צעבראָכן, פאַרשטויסן. מיט דעם איינעם אונטער־שיד, וואָס איך האָב דעם דאָזיקן וועג אויסגעקליבן אָן דער הסכמה פון די עלטערן און פון מיינע נאָענטסטע. דעם אמת געזאָגט, איז מיין האַנדלונג דיקטירט געוואָרן נישט נאָר פון ליבע. איך האָב געפילט ווי אַ סך פּאָליאַקן און פּאָלקעס, אַז מיר דאַרפן מיט אונדזער אַקטיווער האַלטונג זיך סאָלידאַריזירן מיט אונדזערע יידישע פריינט. מיין קומען קיין ישראל איז געווען אַן אויס־געשריי פון פּראָטעסט: קעגן די מעשים פון די נאַ־ציאָנאַל־קאָמוניסטן אין מיין אומגליקלעכן פאָטער־לאַנד. איך האָב מיר אויך פאָרגעשטעלט, אַז אין ישראל קאָן איך זיך אַנטרעפן אויף אומאָנגענעמלעכקייטן. איך האָב געוווסט און געהערט וועגן די עקסטרעמע נאַציאָ־

נאַליסטן און רעליגיעזע פאַנאַטיקער, וואָס זענען טעטיק
דאָ אין לאַנד. איך האָב דעריבער פאַרגליכן מיינע איינ־
דרוקן און מיינע דירעקטע דערפאַרונגען מיט דעם וואָס
איך האָב שוין פון פריער געוווּסט.

אויף דער שיף „מולדת״, מיט וועלכער איך בין אָפּ־
געשוווּמען פון מאַרסעל, האָב איך באַלד פון אָנהויב
פון דער רייזע דערפילט די אַנגענעמע אַטמאָספער פון
ישראל. די אַטמאָספער פון דעם לאַנד, ווו עס וואַרט
אויף מיר מיכאל מיט זיינע עלטערן. איך בין שוין אַרומ־
געפאָרן מיט פאַרשידענע שיפן. איך בין געשוווּמען
אונטער דער גריכישער, רומענישער, פראַנצויזישער
און אונטער דער פוילישער פאָן. איך האָב אַרומגערייזט
מיט מיינע עלטערן פון קינדוויז אָן. די זויבערקייט אויף
„מולדת״ איז געווען אַן אויסנאַם. אייראָפּעאישער סטיל
און קולטור אין פולן פאַרנעם. מען האָט נישט אָפּגע־
פילט קיין שום אונטערשיד צווישן דעם אַזוי פאַרשידנ־
אַרטיקן פובליקום. די מענטשן פון ישראל, אויף וועלכע
מיר האָבן זיך אַנגעטראָפן, זענען געווען זייער קאָמוני־
קאַטיוו און אוממיטלבאַר. אויף דער שיף איז פאַרגע־
קומען אַ מאַטראָזן־באַל, מען האָט געטאַנצט, מען האָט
זיך שיין געוויילט. איך האָב זיך נישט אַנגעטראָפן אויף
קיין פאַריסענע ישראלים, זיי זענען דווקא געווען ניכ־
טער און געזעלשאַפטלעך און מוסטערהאַפט העפלעך.
עס זענען פאָרגעקומען וואַלן פון אַ „מלכת יופי״ —
אַ שיינהייטס־קעניגין. איך בין אויסגעוויילט געוואָרן
מיט אַ מערהייט שטימען. מען האָט מיך דעקאָרירט מיט
אַ בלוי־ווייסן באַנד, מיט די קאָלירן פון מדינת ישראל,
און מען האָט מיר אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ אַ באַגיל־

דעטע קרוין. מיינע ערשטע טריט אויף אָט דעם סוועט־רענעם טייל פון ישראל זענען אַלזאָ געווען זייער גוטע. איך האָב מורא געהאַט, אַז זיי זענען אפשר צו גוט. מיין מורא האָט זיך טיילווייז באַשטעטיקט נאָכן צוזאַמענטרעף מיט דערווירקלעכקייט. די עלטערן האָבן נישט פאַר־לוירן קיין צייט, זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט מיר. אין אולפּן האָב איך נישט געקאָנט פאַרבלייבן, ווייל איך בין נישט געווען קיין עולה, און אַזעלכע רעכט האָב איך נישט געקאָנט באַקומען — ווייל איך בין נישט געווען קיין יידישקע. נאָך עטלעכע טעג האָט מען אונדז דער־לײדיקט אַ קיבוץ, וועלכער געפינט זיך מערער אויף דרום, נישט ווייט פון דער אַלטער עגיפּטישער גרענעץ. מען האָט אונדז דאָרט אָנגענומען ווי פאַרפאַלק. די ברכה האָבן אונדז געגעבן מיכאלס עלטערן.

— „איך און די מאַמע האָבן מיר אין משך פון אַ סך יאָרן געלעבט „אויפן וואָרט", אָן אַ פאָרמעלן הייראַט. קיין ציווילע חתונות זענען דאָ אין פוילן נישט געווען. מיר לעבן ביז היינט בשלום. מיר קענען דרייסט זאָגן, אַז מיר זענען אַ מוסטערהאַפט פאַרפאָלק" — האָט גע־זאָגט מיין קומענדיקער שווער.

ווי נאָר מיכאל וועט באַקומען בירגערשאַפט, וועט איר אַרויספאָרן קיין ציפּערן, און דאָרט וועט איר דורכ־פירן דעם ציווילן חתונה־אַקט, — האָט מיכאלס פאָטער געזאָגט. עס האָט זיך אָפּגעפונען אַ פלעשל קאָניאַק, אביסל זיסוואַרג. מיר האָבן געטרונקען „לחיים". אַזוי איז פאָרגעקומען אונדזער אמתע, נישט פאָרמעלע חתו־נה. אין קיבוץ האָבן מיר זיך אַריינגעצויגן אין אַ זויבערן באַראַק. אַרום זענען געוואַקסן בלומען און ביימער פון

אומגעוויינלעכער שיינקייט. איבעריקנס, וואָס דאַרף איך אייך דערציילן. אַלע האָבן מיר געלעבט און געאַרבעט אין די דאָזיקע קאָלעקטיוון. אַ סך צייט האָבן מיר גערעדט וועגן דעם אַלעם מיט מיכאלן. מיר האָבן אַנאַליזירט דאָס קיבוצישע לעבן. די טאָלעראַנץ, די פֿרייהייט, דער אמתדיקער פֿאַרשטאַנענער סאָציאַליזם — דאָס אַלץ האָט אונדז אימפּאַנירט. ענדלעך זענען אָנגעקומען די מיטטיילונגען וועגן די שטודיומס. מיך קאָן מען אָבער נישט פֿאַרשרייבן. מיר האָבן זיך צוגעאײַלט מיטן דערליידיקן די פֿאָרמאַליטעטן. מיר פֿאָרן צו אין דער בריטישער אַמבאַסאַדע וועגן אַ נסיעה קיין ציפּערן. ווײַזט זיך אַרויס, אַז מיר מוזן האָבן אַ דערלויבעניש פֿון די עלטערן. לויט די ציפּרישע געזעצן זענען מיר נאָך מינדעריעריק. איך שרייב צו מײַנע עלטערן. זיי קענען מיר גאָרנישט דערליידיקן. אין פּוילן זענען פֿאַראַן גרויסע שוועריקייטן. מיט אַזאַ זאַך מוז מען אָנקומען צו די מאַכט־אָרגאַנען און צום געריכט. וואָס טוט מען? דערווײַל פֿאַרלענגערן מיר דעם אויפֿהאַלט. איך קאָן נישט ווערן קיין בירגערין ביז וואַנען איך וועל נישט חתונה האָבן מיט מיכאלן. עס בלײַבט אַלזאָ אַ רעליגיעזע חתונה. מיכאל האָט מורא. מען וועט זיך טשעפּען צו אים. מיט די עלטערן רעדן מיר דערווײַל נישט. עס מישן זיך אַרײַן אין אונדזער ענין די קרובים. עס גייט זיי שטאַרק אין דעם אַז איך זאָל זיך מגייר זײַן. זיי ווייסן, אַז מיר האָבן אַ ווידערווילן, ווײַל די דאָזיקע פֿאָרמאַליטעט איז אין סתירה צו אונדזער געוויסן. אָבער זיי שטייען צופֿיל נישט צו. זיי ווייסן אויך, אַז עס וועט זײַן אַ קעגנערשאַפֿט מצד די עלטערן. איצט איז מיר

דער שכל געקומען אין קאָפּ אַריין, הגם צו שפּעט. איך האָב באַדויערט הלמאי איך בין נישט געקומען צו פאָרן אַלס אַן „עולה". מיכאלס פּאָטער האָט דאָן גוט געעצהט.
עס קומען אַ סך מענטשן און זיי זאָגן נישט דעם ריינעם אמת. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ קעסלגרוב פון פאַנאַטיקער.

אַ געוויסן טאָג האָבן מיר גערעדט מיט די עלטערן. זיי גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון דעם אַלעמען. אָן אַ פאָרמעלן מגייר זיין זיך, וועט קיין חתונה נישט זיין. דער פּאָטער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט, האָט אויסגענוצט אַלע מעגלעכקייטן, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין רשות. ער האָט גערעדט מיט פאַרשידענע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אַ גרויסע השפּעה אין די ענינים פון עליה און התישבות. די אַנגעשטעלטע אין דער סוכנות ווילן נישט אונטערנעמען קיין איניציאַטיוו, זיי זענען קרעמפּירט, זיי האָבן באַשיינפּערלעך מורא. אַלץ קענען זיי דערליידיקן אין אויסלאַנד. אין ישראל האָבן די רעליגיעזע אַ שטאַרקע מאַכט, און דאָרט ווו זיי געפינען נישט קיין אנשפּאר אין געזעץ, ווענדן זיי אָן כוח. זיי האַלטן זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום אַוואַנטורע. מיר האָבן זיך דערמאָנט אין ווין, דאָס פּלעצל פאַרן ביורא פון „היאַס". די שמועסן און דיסקוסיעס אויף דער טעמע — „ווער איז אַ ייד?". די דעפיניציע פון דעם ראַבינאַט און פון דער מאַכט פון פאָלקס־פוילן.

אַ ברייטער שטראָם פון פאַרפאָלגטע געמישטע משפּחות מיידט אויס ישראל. האָט מורא פאַר מאָראַלישע רעפּרעסיעס. אויפן וואָג־שאל וערן געוואָרפן די סימ־

פאַטיעס פאַר ישראל — און די מורא פאַר די שיקאַנעס פון די פאַנאַטיקער.

מיר גייען אַריין צו אַן אַדוואָקאַט. — אַ שאָד וואָס איר האָט זיך נישט אָריענטירט פאַרן קומען אַהער. אין דער סוכנות וואָלט מען געקאָנט דערליידיקן דעם דאָזיקן ענין, אָבער זיי האָבן מורא פאַרן ראַבינאַט. דער ראַבינאַט איז „אַ מדינה אין דער מדינה". די עליה ליידט פון דעם זייער שטאַרק — האָט אונדז דער אַדוואָקאַט געפרוווט איבערצייגן. ער עצהט אונדז צו טענהן עקשנותדיק אין ראַבינאַט, אַז מען איז פון אַ געמיש־טער משפחה. דאָס וועט דערמעגלעכן צוצואײַלן דעם ענין. עס וועט מסתמא זיין אַן עקזאַמען, מ'וועט פאַר־הערן, זיי וועלן אפשר פאַרלאַנגען עדות.

— איך האָב מורא וועגן די עלטערן, אין דריי חדשים אַרום גייט אויס מיין פּאַספּאָרט. פאַרלענגערן קען איך אים נאָר אין אייראָפּע. אויב איך וועל זיך נישט צוריק־קערן צו דער צייט, וועט דאָס הייסן, אַז איך בין אַנט־לאָפן, פון אייגענעם ווילן געבליבן אין אויסלאַנד. נאָר מיין הייראַט קען באַרעכטיקן מיינע עלטערן.

מיר זאָרגן זיך אַלע, מיר זענען אַלע צעשטרייט און צעטומלט. מיר פאַרטראַכטן זיך מיט מיכאלן, צי זאָלן מיר נישט פאַרלאָזן ישראל. ענדלעך באַשליסן מיר אָבער צו פּרובירן. איך נעם אָן די שפּיל מיטן ראַבינאַט אַלס אַ ריינע פאָרמאַליטעט. איך האָב נישט קיין ברירה. איך גיי אַריין אין ראַבינאַט. אַ פיינע, אימפּאָנירנדיקע געביידע. איך קלאַפּ אָן אין סעקרעטאַריאַט. אַ ייד מיט אַ שוואַרצן קאַפּעלוש אויפן קאָפּ זיצט ביי אַ טיש, וואָס איז באַוואָרפן מיט פּאַפּירן. דער צופאַל האָט געוואָלט,

אַז ער רעדט אויך אַביסל פּויליש. איך בעט אַ באַשטע־טיקונג, אַז איך בין אַ יידישקע. — איך וויל בלייבן אין לאַנד, ישראל געפעלט מיר. איצט בין איך דאָ אַלס אַ טוריסטקע און איך אַרבעט אין קיבוץ.

— ווו זענען די עלטערן, צי האָסטו קרובים, און אפשר אַ בחור?

ער האָט אויסגעשאָסן מיט דריי פראַגן מיטאַמאָל. דעם קאַפּעלוש האָט ער אַראָפּגערוקט אויף אַרונטער און האָט צוגעלענט די אויגן ווי ער וואָלט געווען קורצ־זיכטיק.

איך האָב געפילט, אַז הינטער די דאָזיקע פראַגן ליגט פאַרשטעקט אַ לויערונג. איך האָב באַשלאָסן צו ענט־פערן פאַרזיכטיק.

— קיין בחור האָב איך נישט. איך בין יונג, איך טראַכט נישט וועגן חתונה האָבן. מיינע עלטערן ווילן זיך נישט מודה זיין צו יידישקייט, און קיין קרובים האָב איך נישט אין ישראל.

— און ווער ביסטו אַזעלכער? — האָט ער זיך גע־וואָנדן צו מיכאלן.

— איך בין אַ חבר פון קיבוץ, מיר קענען זיך נאָך פון וואַרשע.

— — און אפשר אַ חתן, שעם זיך נישט. ביסט דאָך געקומען אין רבנות. דאָ ווערט אַלצדינג דערליידיקט, פון סאַמע געבורט ביז דעם מענטשנס אַוועקגיין פון דער וועלט.

— יאָ, די חברטע געפעלט מיר, אָבער זי איז נישט אין מיין געשמאַק, איך וויל בעסער ברונעטקעס. איך

בין געקומען מיט איר, ווייל איך קען זיך בעסער פון איר אויסשמועסן אין עברית.

איך האָב באַוווּנדערט מיכאלן. ער האָט רעציטירט די ווערטער אָן זיך צו פאַרהאַקן.

— ביטע, שרייבט אָן אַ בקשה, נישט פאַרהוילנדיק קיין שום פּרטים.

אין זאַל האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ לאַמענדיקן זקן. ער האָט אונדז אויסגעהערט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

— גוט וואָס דו האָסט נישט קיין חתן, ווייל דאָס פאַרפּלאָנטערט שטאַרק די זאַך. די רבנים ווילן צוריק־קערן די זין און די טעכטער אין שויס פון יידנטום אויס הוילע מאָטיוון פון גאָטספאַרכטיקייט. פאַר דראָבנע קליינגעלט, אין וועלכע ער נויטיקט זיך, וועט ער אָנשרייבן אַ שיינע בקשה. ער האָט אָנגעשריבן. איך האָב אים אָנגעוויזן אויף די פּאַספּאָרט־קאָמפּליקאַציעס און אַז די זאַך איז מיר אייליק. נאָך צוויי וואָכן האָט מען מיך אַרויסגערופן אין ראַבינאַט. דאָס מאָל זענען מיר געווען פאָרזיכטיקער, מיכאל האָט געוואַרט אין דרויסן.

איך בין אַרויף אויפן צווייטן שטאָק. עס איז פול געווען מיט מענטשן. ביי דער טיר, וואָס איז געווען באַצייכנט מיטן אות „ב“, האָט זיך אַרומגעדרייט אַ מאַן מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער רעגולירט דעם אַריינגאַנג. איך האָב אים דער־לאַנגט די איינלאַדונג. ער האָט זי איבערגעלייענט און אַ קוק געטאָן אויף מיר דורכדרינגלעך. צום סוף האָט ער מיט אַ פאַרטרוילעכן פליסטער אַ פרעג געטאָן, צי עס גייט וועגן אַ חתונה — האָסט אַ חתן?

— ניין, — האָב איך געענטפערט. — פון איבער־צייגונג, פון ליבע צו גאָט וויל איך זיך צוריקקערן צו דער אמונה פון מיינע אבות.

נאָך אַ צען־פופצן מינוט האָט זיך אויפגעעפנט די טיר און איך בין אַריין אינעווייניק. דער צימער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געריכט־זאַל. אויף לינקס הינטערן פּאָדיום זענען געזעסן דריי עלטערע לייט מיט יאַרמלקעס, אַלע האָבן זיי געהאַט בערד און פּאות. פון דער זייט, אַביסל נידעריקער, איז געזעסן קענטיק דער פּראָטאָקאָל־שרייבער.

דער מאַן וואָס איז געזעסן אין מיטן, האָט מיך צוגע־רופן מיט אַ העפלעכן זשעסט. צוגייענדיק האָב איך נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים די אויגן. ער האָט אויסגעזען בערך אויף עטלעכע און פופציק יאָר, אַ הויכער לייכטנ־דיקער שטערן, אַ קיילעכדיק פּנים און אַ רונדיקע גרוי־ווערנדיקע באָרד. ער האָט מיך אויסגעפרעגט די פּער־סאָנאַליען. איך האָב געענטפערט אין אַ צעבראָכענעם העברעיש. דער פּאָדיום איז געווען הויך, און איך האָב געמוזט שטאַרק פאַרייסן דעם קאָפּ. ער האָט געפרעגט צי דער פאָטער פלעגט גיין אין בית כנסת, צי די מאַמע האָט געצונדן ליכט אין די פרייטיק־צונאַכטן, און אין וואָס פאַראַ שפּראַך האָט מען גערעדט אין שטוב.

אַביסל האָב איך זיך פאַרלוירן. איך האָב נישט דער־וואַרט אַזעלכע פראַגן. איך בין קיינמאָל נישט געווען אין קיין „בוזשניצע", מען האָט אפילו קיינמאָל נישט גערעדט אינדערהיים אויף דער דאָזיקער טעמע.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט. — איך האָב אַמאָל אין וואַרשע באַקוקט חורבות. מען האָט דערציילט, אַז

מ׳וועט די דאָזיקע סינאַגאָגע צוריק אויפבויען. רעדנדיק וועגן דעם, האָב איך נישט געקענט גוט באַצייכענען דאָס אָרט ווו איך האָב די סינאַגאָגע געזען.

— און וואָס איז מיטן צינדן ליכט? — האָט געפרעגט אויף פויליש דער רב פון דער רעכטער זייט.

— יאָ, די מאַמע פלעגט פון צייט צו צייט אָנצינדן קאָלירטע ליכט אויף צו מאַכן אַ גוטע שטימונג — דער רב האָט זיך צוגעקוקט, איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז טאָקע אַזאַ ענטפער האָט ער דערוואַרט.

— און פון וואַנען ווייסטו אַז דו ביסט אַ יידישקע? — האָט געפרעגט דער רב מיטן גלאַנצנדיקן שטערן.

— פון באַקאַנטע. דער פאָטער האָט נישט גערן גע־רעדט אויף דער דאָזיקער טעמע.

עס איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן הייס, איך האָב געוואָלט וואָס גיכער אַרויסגיין, כ׳האָב מורא געהאַט פאַר די ווייטערדיקע פראַגן. פלוצלונג איז פון דער זייט געפאַלן אַ פראַגע: — ווען ווילסטו חתונה האָבן און ווער איז דיין בחור?

איך האָב זיך שיער נישט אַרויסגעכאַפּט. איך האָב מיר באַצייטנס פאַרביסן די צונג. כדי צו פאַרשטעלן מיין פאַרלוירנקייט האָב איך געזאָגט, אַז איך פאַרשטיי נישט גוט די פראַגן. מען האָט מיר איבערגעחזרט די פראַגע אויף פויליש.

איך האָב ענערגיש געלייקנט מיט אַ באַוועגונג פון קאָפּ. — איך האָב נישט קיין חתן. ישראל געפעלט מיר און איך וויל דאָ פאַרבלייבן. זיי האָבן אויסגעטוישט צווישן זיך עטלעכע ווערטער אויף יידיש. דאַן האָט דער פאָרזיצער זיך געוואַנדן צום פראָטאָקאָל־שרייבער

און האָט געהייסן מיר אויסשטעלן אַ דאַטע פאַרן עק־זאַמען. איך האָב זיך געדאַרפט ווענדן צום סעקרעטאַ־ריאַט נאָך אַנווייזונגען.

אַ העפלעכער מאַן אין אַ קאַפּעלוש האָט מיר אויסגע־שריבן עטלעכע נעמען פון ביכלעך. איך דאַרף זיך אויסלערנען די וויכטיקסטע דינים, ווי אויך אַ ריי פאַר־שידענע תפילות. זיך אויסלערנען וועלכע ימים טובים זענען פריילעכע, און אויך גוט וויסן וועגן די נאַציאָנאַלע אומגליקן און פאַרגעדענקען די טעג פון טרויער און תעניתים. וועגן דעם גאָלדענעם קאַלב און די צעבראָ־כענע לוחות. וועגן מילכיקס און פליישיקס, וועגן ראש השנה און יום כיפּור, וועגן שבת און ליכט־צינדן. זיך אויסלערנען אויף אויסנווייניק דעם „אני מאמין”.

פאַרן בנין פון ראַבינאַט האָט געוואַרט אויף מיר מיכאל, ער איז געווען שטאַרק אומגעדולדיק. איך האָב אים אויף גיך איבערגעלייענט די פאַרנאָטירטע אַנ־ווייזונגען.ביידע, הגם מיר האָבן שוין אַביסל באַהערשט די שפּראַך, האָבן זיך נאָך אָבער נישט געגעבן קיין עצה מיטן לייענען. מיר האָבן געקויפט אויף דער אַלענבי־גאַס די אַנטשפּרעכנדיקע האַנטביכער, דערונטער אַ פראַנצויזיש־העברעישעס ווערטער־בוך.

מיר זענען אַוועקגעפאָרן קיין אשדוד. מיכאלס עלטערן זענען שוין געווען נאָך דעם נאָכמיטאָגדיקן דרימל. הער איגנאַץ האָט איבערגעקוקט די נאָטיץ און האָט מיט אומווילן זיך אַריינגעטראַכט אין איר. — גאָט מיינער, — האָט ער געזיפצט, — אַ שאָד די צייט, ווערט זיך דאָך מיט די דאָזיקע פאַרשריפטן במילא נישט באַנוצן.

עס איז נישט געווען קיין ברירה. ער האָט אומגעדול־

דיק פֿאַרטייטשט און איבערגעקערט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל. אַליין האָט ער זיך אויך נישט זייער שטאַרק אָריענטירט. איך האָב מיר פֿאַרנאָטירט די סאַמע וויכ־טיקסטע דינים. מיר האָבן באַשלאָסן צוריקצופֿאָרן אין קיבוץ, דאָרט וועלן מיר זיצן און איינחזרן.
אינאָוונט זענען מיר אַוועק צום ים, עס האָט געבלאָזן אַ מילדווינטל. פֿון דער זייט האָט געוואָרפֿן פֿריי־לעכע אָפּשיינען דער לייכט־טורעם אויפֿן ברעג. פֿון ווייטנס האָבן געפֿינקלט די ליכט פֿון האַריזאָנט. פֿאַר־כישופֿט פֿון דעם פּליוסקען פֿון די כוואַליעס און פֿון דער וווּנדערבאַרער איינזאַמקייט האָבן מיר באָרוועס אַרומגעשטיפֿט אויפֿן זאַמד און אין דעם וואַרעמען גע־זאַלצענעם שוים פֿון וואַסער. מיר האָבן געטרוימט און מורא געהאַט פֿאַר דער צוקונפֿט.
אויפֿן צוריקוועג האָבן מיר אָנגעטראָפֿן יונגע אול־פּניסטן. זיי האָבן געזונגען לוסטיקע לידלעך, עמעץ האָט געגרימפּלט אויף אַ גיטאַרע. מיר האָבן זיך אַוועקגע־זעצט אין פּאַרק, געוווּן פֿאַרנומען מיט זיך. יענע האָבן זיך געלאַנגווייליקט. פּריטיק אינאָוונט איז נישטאָ קיין אָרט פֿאַר קיין קולטורעלן אופֿן פֿון פֿאַרברענגען די צייט. די טעאַטערס זענען נישט טעטיק, די קינאָס גע־שלאָסן.
צום מערסטן ליידן די יונגע אַמעריקאַנער, זיי שילטן אויף וואָס די וועלט שטייט, בענקען אַהיים. די אולפּ־ניסטן פֿון מזרח־אייראָפּע זענען רעזיגנירט: זיי קענען בענקען וויפֿל זיי ווילן, אָבער צוריקקערן זיך וועלן זיי נישט. מיר האָבן באַגעגנט די עלטערן. זיי זענען נתפּעל פֿון דעם מאָדערנעם כאַראַקטער פֿון דער שטאָט. מיט

עטלעכע טעג צוריק האָט מען פאַרענדיקט דאָס פאַר־פלאַנצן יונגע קוסטעס אוןביימעלעך. נעבן דעם ניי אויפגעבויטן אולפּן שפּרייט זיך אויס אַ גרינער טעפּיך. די אויטאָמאַטישע שפּריצערס דרייען זיך און באַגיסן מיט אַ קינסטלעכן רעגן די דורשטיקע ערד. דער אולפּן און דער קליטה־צענטער, די ניי פאַרפלאַנצטע געוויקסן און דיביימלעך סימבאָליזירן דאָס נייע לעבן און די ערשטע טריט פון די ניי געקומענע פון די פאַרשידענע עקן וועלט.

קענגנאיבער אויפן גרינעם סקוועיר שפּילן זיך אַ מענגע קינדער אויפן גראָז. זיי טאַנצן לעבהאַפטיק אַ הורה, זינגען און פּאַטשן מיט די הענט.

אויף צו מאָרגנס פאַרנאַכט קערן מיר זיך צוריק אין קיבוץ. מיר זעצן זיך אַריין אין אַ טענדער. פון באַלקאָן אָבסערווירן אונדז די עלטערן, פאָכען צו אונדז מיט די הענט. צום געזעגענען זיך ענטפערן מיר אָפּ מיט אויס־געשרייען. דער לעצטער בליק. דער אולפּן זילבערט זיך פרעכטיק מיט די אלומיניום־ראַמען פון די פענצטער און די גינגאלד־פורפורנע פויערהענגלעך.

ביים סאַמען צוגאַנג זענען די גראָזן און די רויזן־קוסטן, וואָס האָבן ערשט נעכטן אַזוי שיין געבליט, — זיי ווערן איצט פאַרשאָטן מיט אָפּפאַלעכצן. דער קילנ־דיקער ווינט, וועלכער טראָגט זיך אָן פון ים, טראָגט פאַנאַנדער דאָס מיסט פון די נישט גערייניקטע עמערס און מיסט־קעסטלעך. די שפּאַצירנדיקע מענטשן טרעטן ביז די קנעכלען אין דעם אָפּפאַלעכץ. שטיקלעך פּאַפּיר הייבן זיך אויף און פלאַטערן אוןווירבלען אין דער לופטן. מיר פאַרקערן אין דער ברייטער גאַס וואָס פירט

אין דער ריכטונג צום ים. אומעטום די זעלבע פּאַנאָראַמע. אשדוד, דער שטאָלץ פון ישראל — פול מיט מיסט, שמוציק פּונקט אַזוי ווי יעדע אָריענטאַלישע שטאָט.

— שבת, דער צווייטער טאָג ווי מען רוימט נישט — ברומט דער קיבוצניק שלמה וועלכער זיצט נעבן אונדז.

מיר פאָרן פאַרביי יבנה, פונקט אַזוי פאַרמיסטיקט און שמוציק ווי אשדוד. נאָך אַ צען מינוטן — רחובות. קעגנאיבער וואַקסט אויס דער חיים ווייצמאַן־אינסטיטוט. אַ פאַרביקע מויער פון אָרטיקן שטיין. אַ פּאַרק. פולכנע גראָזן און בייטן מיט בלומען. די געביידעס פּרעכטיק אַריינגעוואַקסן אין פּייזאַזש. ריין און זויבערדיק.

— אַמעריקע, — פליסטערט איינער אַרויס אַן אַנטציקטער.

— נישט אַמעריקע, נאָר אַ קיבוץ — מישט זיך אַריין שלמה.

מיר מיידן אויס אַ פּאָליציי־געביידע, דעם צענטער פון רחובות. אַן ענלעך בילד ווי אין אשדוד. די איינוווינער שפּאַצירן איבערן אַנגעוואָרפענעם מיסט. שלמה קלערט עפּעס אויף וועגן די פּאַרטייאישע וואַל־קאָמבינאַציעס. אַז די רעליגיעזע זענען דאָס צינגל פון דער וואָג, און דערפאַר דיקטירן זיי. צום סוף האָט ער רעזומירט דעם שמועס אין געציילטע ווערטער: „דער שבת איז די הייליקע קו פון ישראל".

— אין חיפה איז אַנדערש — רופט זיך אָפּ דער שאָפער.

מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דער אויטאָבוסן־סטאַציע. עס קומען אָן דריי בחורים פון קיבוץ. דער אויטאָ נעמט יאָגן מיטן פולן גאַז. פאַרמאַטערט פון דעם איבערפלוס

פון איינדרוקן און איבערלעבונגען, האָב איך איינגע־דרימלט אויף מיכאלס אָרעם.

עס איז געבליבן דריי וואָכן אויף צו לערנען ייִדיש־קייט. עס איז מיר געווען שווער — די אַרבעט, די לי־מודים אין אולפּן, דאָס מאַכן די לעקציעס און די דאָזיקע וויסטע, מאַטערנדיקע עקזאַמענס.

נאָך עטלעכע וואָכן בין איך ענדלעך געווען גרייט צום עקזאַמען. עס איז מיר נישט צוגעגאַנגען לייכט. די באַקאַנטע פון קיבוץ האָבן מיר נישט אַרויסגעוויזן די געהעריקע פאַראינטערעסירונג. די זאַך איז זיי פּשוט נישט אָנגעגאַנגען, נישט געווען פאַר זיי אינטערעסאַנט. רעליגיע און די אַלע איסורים און פאַרבאָטן, דאָס אָפּ־היטן שבת, כשרות, מילכיק און פליישיק — דאָס אַלץ האָט פאַר זיי נישט עקזיסטירט. איך האָב געפילט אַז איך וועל זיך נישט געבן קיין עצה. צום סוף בין איך געפאַלן אויף אַ פאָרטל: צו יעדן איינעם האָב איך זיך געוואנדן וועגן אַן אַנדערן ענין. אַ קליינער פראַגמענט האָט נישט געענודיעט, און אַזוי האָב איך ביסלעכוויז באַהערשט דעם חומר.

אין דעם באַשטימטן טאָג בין איך געקומען צו פאָרן קיין תל־אביב. איך האָב געוואַרט אַ היבש ביסל צייט פאַר דער טיר, וואָס איז געווען באַצייכנט מיטן אות „ב". דאָס מאָל איז געווען אַן אַנדערער צוזאַמענשטעל, הגם אויך די דאָזיקע רבנים זענען געווען פון דעם זעלבן בכבודיקן עלטער, און אין דער קליידונג, ווי אויך אין די פּריזורן זענען זיי געווען ענלעך צו דעם פריערדיקן קאָמפּלעט. איך האָב געענטפערט גלאַטיק, נישט

פאַרהאַקנדיק זיך, אויף די געשטעלטע פראַגן. עס האָט זיך מיר געדוכט אַז זיי זענען צופרידן.

זיי האָבן זיך באַראַטן צווישן זיך און עס איז געפאַלן דער באשלוס. דער פאָרזיצער האָט אַנגעשריבן עטלעכע ווערטער און האָט מיך געשיקט מיטן צעטל אין סע־קרעטאַריאַט.

דער מאַן מיטן קאַפּעלוש האָט מיך אויפגענומען ווי אַן אַלטע באַקאַנטע. — שלום, חביבה, מה שלומך! — האָט ער אויסגערופן. אַלץ איז, טראַכט איך מיר, אויף אַ גוטן וועג. — נאָך אַביסל און דו וועסט גיין אין דער מקווה.

דעם קאַפּעלוש האָט ער, ווי זיין שטייגער, אַראָפּגע־רוקט אויף אַהינטער, אַריינגעקוקט אין קאַלענדאַר. נאָך אַ ווײַלע האָט ער אַנגעדרייט עפּעס אַ נומער אויפן דיסק־בלעטל פון טעלעפאָן. ער האָט גערעדט מיט אַ פרוי. פון דעם וואָס איך האָב פאַרשטאַנען, האָט זי מיך געדאַרפט לערנען פון דאָס ניי. דאָס לערנען וועט דויערן דריי וואָכן.

ווען ער האָט פאַרענדיקט רעדן אין טעלעפאָן, האָט ער מיר אַנגעשריבן דעם אַדרעס פון דער רבצין, — פון דער דאָזיקער פרוי וועסטו באַקומען אַ באַשטעטי־קונג — האָט ער געזאָגט דערלאַנגענדיק מיר דאָס צעטל. — וועסט קומען צו מיר, וועל איך דיר געבן אַ קוויטל צו גיין אין דער מקווה. נאָכן אויסבאָדן זיך וועסטו ווערן אַ יידישקע.

איך בין איינגעשטיגן אין נומער „12" און אַוועקגע־פאָרן אויפן אַנגעוויזענעם אַדרעס. איך האָב זיך אַרומ־געקוקט אויפן נומער „7". די ווילע האָט זיך אויסגע־

טיילט מיט איר שיינעם, גוט צוגעשניטענעם ענגלישן לעבעדיקן פלויט. שלאַנקע ציפּריסן זענען געוואַקסן אויסגעגליכענע ווי אַ לייבגוואַרדיעביים אויסטויש פון דער וואַך. איך האָב אויפגעעפנט דאָס טירל מיט די אָרנאַמענטירטע אייזערנע שטאַכעטן. דאָס טירל האָט לייכט געסקריפּעט. איך בין געגאַנגען מיטן שמאָלן געפלאַסטערטן וועג. פון ביידע זייטן זענען געוואַקסן כריזאַנטעמעס און רויזן. אין דער טיף האָט אַ שלאַנקע פּאַלמע פאַנאַנדערגעשפּרייט אירע בלעטער. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט ווי זי וואָלט געקוקט אויף מיר מיט שפּאַט און מיט גאווה. עמעץ האָט זיך פאַרנויגט צו מיר פון אַ זייט.

— זיי געגריסט און געבענטשט, יונגע פריילין.

איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַ צערודערטע. דער באַגריסנדיקער איז געווען אַ זקן, ער האָט געטראָגן עפּעס אַ מלבוש, וועלכן עס איז שווער געווען צו אידענטיפיצירן; פון די שלייפן זענען אים אַראָפּגעהאָנגען גרויע פאות. ער האָט געקוקט אויף מיר ווי אַ דינער אויף זיין דאַמע. די איילבירט־קאָליר פון דער הויט און די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זיין פּנים האָבן עדות געזאָגט, אַז דער מאַן איז אַ תימנער. ער האָט זיך נאָכאַמאָל פאַרנויגט, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן נידעריק. אפשר האָט ער מיך פאַרשטאַנען. ער האָט געקלאַפּט מיט זיין געדטנערישער שער, געשאָקלט גוטמוטיק מיטן קאָפּ און מיט זיינע דאַרע פינגער געקעמט דאָס שיטערע בערדל. איך האָב אַנגעקלונגען. עס האָט מיר געעפנט די טיר אַ מיידעלע אין אַ ווייס פאַרטעכל. איך האָב

געפרעגט צי פרוי אסתר איז אינדערהיים.

— ביטע, זי וואַרט.

איך בין אַריין אין האָל. אין דער מיט איז אויסגע־שפּרייט אַ טעפּיך פון שטילע, שיינע קאָלירן. איך בין געבליבן שטיין און זיך פאַרטראַכט אין וועלכער טיר איך זאָל אַריינגיין. איך האָב געדאַרפט באַגעגענען מיין לערערין, דעם רבינס ווייב. דער סעקרעטאַר האָט, אַרויסזאָגנדיק איר נאָמען, צוגעגעבן: רביצין. דאָס וואָרט „רביצין" האָט געקלונגען אין זיין מויל ווי אַנערקענונג און טיפע אַכטונג. עס האָט זיך אויפגע־עפנט אַ זייטיקע טיר. איך האָב אַ קוק געטאָן און זיך פאַרנויגט עטוואָס צוריקגעהאַלטן. פאַר מיר איז גע־שטאַנען אַ יונגע פרוי, זי האָט געגריסט צו מיר מיט אַ ליבן שמייכל. איך האָב איר געפרעגט צי די מאַמע איז אינדערהיים, ווייל די רביצין דאַרף מאַכן מיט מיר די לעקציעס.

— מיין מאַמע איז איבערהויפּט נישט אין ישראל. זי וווינט אין פראַנקרייך. און די רביצין דאָס בין איך.

איך בין געווען איבעראַשט. זי האָט געהאַט אַ שיינעם, געפלעכטן קאָפּ האָר, געטראָגן אַ קליידל מיט אָפּגעדעק־טע אַרבל. איך האָב זי אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס. פיין געטאָקטע פיסלעך האָבן אַפערגעקוקט פון אונטערן קליידל. אין אַלגעמיין איז זי געווען אַ שיינע, געהאַט שיק, מיט אַן עטוואָס צופיל אַרויסשטאַרנדיקן בוזעם. „אַ סעקס־באָמבע, און נישט אַ רביצין" — האָב איך מיר געטראַכט. קוקנדיק אויף איר האָב איך אַריבער־געפירט דעם בליק אויף מיין קליידל. איך האָב אויס־

געבראַכן אין אַ געלעכטער. — איר פאַרשטייט אוודאי, איך קום פון ראַבינאַט. דאָס קליידל איז נישט מיינס, איך האָב עס אויסגעבאָרגט צו דעם צוועק. איך האָב געוווסט, אַז איך זע אויס נעבעכדיק.

נאָך אַ ווײַלע האָב איך זיך שוין געפונען ביי איר אין בודואר. זי האָט זיך אויסגעזעצט אין אַ גרויסאַרטיקן פאָטעל באַדעקט מיט אַ שטאָף פון ברוין־גרינער קאָליר, און איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ נידעריקן ווייכן טאַבורעט. דער צימער האָט זיך געטונקען אין האַלב־טונקלקייט. אַלץ האָט דערמאַנט אַן פראַנקרייך. דאַקעגן איז דאָס פאַלדן און שפּילעווען די פאָרהאַנגען געווען אויפן ישראלדיקן שטייגער. די ווענט זענען געווען נאַקעט, אָן בילדער. די טאַפּעטן אין גרינלעכן אָפּשיין און די סטיל־מעבל האָבן צוגעגעבן דעם צימער אַ ספּע־ציפישן חן.

אסתר האָט זיך דערפרייט דערהערנדיק אַז איך קען פראַנצויזיש און אַז איך בין נישט לאַנג צוריק געקומען פון פראַנקרייך. פלוידערנדיק וועגן דער מאָדע, קאָס־מעטיק, און פריזורן, האָט אסתר זיך דערוווּסט וועגן מיינע דאגות.

— אַלץ וועט זיין גוט, מיין טייערינקע. פּאַמעלעך און סיסטעמאַטיש וועל איך דיך באַקענען מיט די סודות און אוצרות פון דער יידישקייט. וועסט מיך באַזוכן אין משך פון עטלעכע וואָכן. מיין באַשטעטיקונג אַז דו קענסט — וועט גענוג זיין.

זי האָט מיך אַריינגעפירט אין דער קיך. עס האָט מיר פאַרבלענדעט אין די אויגן. איך האָב מיך נישט געקאָנט אָפּוונדערן. זי האָט געעפנט איין שענקעלע

נאָכן אַנדערן. — אַ סדר מוז זיין, — האָט אסתר געזאָגט. ביי דער געלעגנהייט האָב איך באַטראַכט דאָס זילבערנע באַשטעק. באַזונדערע באַשטעק אויף מילכיקע און אויף פליישיקע שפּייזן. קאַווע־סערוויזן אויף פּאַרעווע און אויף מילכיק. אויף אַ ספּעציעלער טאַץ זענען געשטאַנען גלעזער און טעצעלעך. ביי דער געלעגנהייט האָט זי מיך אויסגעפרעגט, און דער שמועס איז געווען זייער אַ פרייער און אַן אינטערעסאַנטער.

פאַרן געזעגענען זיך האָב איך אויסגעטרונקען אַ קאַווע מיט קיכעלעך,ביידע זענען מיר געווען צופרידן. ווען איך בין ווידער געקומען אַהער די אַנדערע וואָך, האָב איך דעם גערטנער נישט באַמערקט. די טיר האָט געעפנט אסתר אליין. מיין רביצין האָט געהאַט אַ נייע פריזור. אַ שווערער גרעק איז איר אַראָפּגעהאָנגען אויפן קאַרק, די האָר זענען דאָס מאָל געווען געפאַרבט אויף קאַשטאַן־געל. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרץ באַל־קלייד, טיף אויסגעשניטן פון הינטן. פון פאָרנט האָט דאָס קליידל געהאַט אַ שטייענדיק קעלנערל, פאַרשפּילעט מיט אַ דימענטן־בראַשקע אין דער פאָרם פון אַ געגנזענער פעדער. אין די אויערן קליפּסן פון פּלאַטין מיט פינקלענדיקע פערל ווי פאַלנדיקע טראָפּנס. זי האָט אויסגעזען פראַכטפול.

די קאַווע האָט זי שוין געהאַט צוגעגרייט, די קיכעלעך זענען זיך צעגאַנגען אין מויל. זיי האָבן מיר אויסגעצייכנט געשמעקט. די טעמע פון דער לעקציע — וויאַזוי מען טאָר זיך נישט קליידן. מיר זענען אַריין אין שלאָף־צימער. די שענק זענען געווען אויפגעפּראַלט. איך האָב באַקוקט די קליידער פון דער היי־יאָריקער

מאָדע. עס האָט ממש געשווינדלט אין קאָפּ פון די פאַר־שידענע מוסטערן, קאָלירן און שניטן. אסתר האָט פּאַ־ראַדירט ווי אויף אַ מאָדע־ספּעקטאַקל. אין מיני־רעקלעך און אין קורצינקע הייזעלעך. אין לאַנגע הויזן פאַרענ־דיקט מיט קלאָשן, אין מאַטראָזן־סטיל; קורצע בלוז־קעלעך, וואָס האָבן קוים פאַרדעקט די ברוסטן; אסתר האָט געהאַט אַ גוטן ספּאָרטיוון קערפּער. אָפּגעבערענט איז זי אָבער געווען נישט גלייכמעסיק. געוויסע טיילן פון קערפּער האָבן עדות געזאָגט, אַז זי פלעגט זיך אָפּברענען אויף דער אַלגעמיינער פּלאַזשע.

מיר זענען געווען פון דער זעלבער הויך, אַזוי אַז אויך איך האָב צוגעמאָסטן אייניקע קליידער און קאָסטיומען. עס איז מיר געוואָרן פריילעך אויפן געמיט. עס איז מיר פשוט גוט געווען אין זיי.

פארמאטערטע פון דעם שנעלן איבערטאָן די קלייד־לעך, הויזן און בלוזקעס, וועלכע מען טאָר נישט אָדער עס פּאַסט נישט צו טראָגן, האָבן מיר זיך צוגעזעצט. אסתר איז געווען פריילעך אויפגעמונטערט — איך בין שטאַרק צופרידן וואָס איך עקזאַמיניר דיך. האָסט אַ גוטן געשמאַק, דאָס מאַכט לייכטער צו פאַרשטיין וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. מען קאָן זיך אַביסל צוזאַמען לאָזן וויל־גיין אין דער דאָזיקער אָרגיע פון קאָלירן און געשמאַקן...

איך האָב זי געוואָלט אויך זען אין דער קליידונג פון אַן אמתער רביצין. אָבער אסתר האָט זיך נישט געאיילט. אין ווינקל פון דער שאפע זענען געהאָנגען פאַרשידענע אַטלאַס־קליידער אין טריבע קאָלירן, איי־ניקע אין די קאָלירן פון אַ יאַפּאַנישן קימאָנאָ. איך האָב

זיי אַנגעערירט, דער שטאָף איז געווען פון גוטער קוואַליטעט.

איך האָב אָנגעהויבן איבערצוחזרן פון אייגענער איני־ציאַטיוו ווי אַזוי מען טאָר זיך נישט קליידן. אסתר איז געוואָרן אומעטיק — איך האָב דאָס געַנוג, דערמאָן עס מיר נישט. — האָט זי געזאָגט שטיל און טרויעריק.

— האָב צוטרוי צו מיר, די באַשטעטיקונג וועסטו באַקומען.

איך האָב געהאַט נאָך עטלעכע באַגעגענישן. מיר האָבן געשמועסט וועגן די ימים טובים און וועגן תעניתים, וועגן קאַרמענען חיות און וועגן דער פּערזענלעכער היגיענע. מען דאַרף צוגעבן, אַז אסתר האָט זייער גוט געוווסט צו קאָמענטירן די פאַרשידענע תפילות און דינים. זי האָט אויך געוווסט, אַז געוויסע מנהגים זענען פּשוט לעכערלעכע. זי פלעגט רעדן אויף דער דאָזיקער טעמע מיט נישט ווייניקער איראָניע ווי מיין שוועד.

— די נביאים זענען געווען קלוג און זיי האָבן פאַר־שטאַנען דאָס לעבן. די פּרינציפּן פון היגיענע אין דער פאָרם ווי זיי האָבן דאַמאָלט געפּרעדיקט — דאָס איז געווען דער מינימום וואָס זיי האָבן געקאָנט פאַרלאַנגען. די דאַמאָלסטיקע דינים און מנהגים זענען היינט אַן אַנאַכראָניזם.

— אָבער, באַשקע מיינע, האָט זי געזאָגט — אונדזערע שטעט און ישובים זינקען אין אַן אַנטי־סאַניטאַרן צו־שטאַנד. ווען די דאַמאָלסטיקע נביאים וואָלטן היינט געלעבט, וואָלטן זיי געהאַט מוט צו רעווידירן די דינים און די פאַרשריפטן. דאָס איז אַן אומזין, אַ פּאַסקודנער אומזין. מען טאָר נישט שבת אַרבעטן פאַר זיך, פאַר

דער היגיענע, פֿאַר דער ריינקייט. „איך האָב גאָרנישט געהאט וואָס צוצוגעבן" — האָט זי דיסקרעט צוגעשטימט.

— אין אונדזער סביבה איז פֿאַראַן אַן ערנסטע קעגנערשאַפֿט צו די דאָזיקע אומזיניקייטן. אָבער וואָס זאָל מען מאַכן. עס קומען אין באַטראַכט אויך עקאָנאָמישע מאָטיוון.

איך האָב זיך צוגעהערט די דאָזיקע אויספֿירונגען מיט גרויס פֿאַראינטערעסירונג.

— פֿון דעם רבנישן רעזשים לעבט אַ גרויסע אַרמיי פֿון מענטשן. אונדז אַלעמען גייט גוט, אפֿילו זייער גוט: רבנים, חזנים, מוהלים, שוחטים, משגיחים, שופֿטים און שמשים, בתּי מדרשים און ישיבות מיט זייערע פּערסאָנאַלן. אַ סך משגיחים נעמען מתּנות אין יענטוועדער מעגלעכער פֿאָרם. די דאָזיקע דערשיינונג איז אַלגעמיין גוט באַקאַנט. די איינציקע שיכט וואָס נעמט מתּנות אין אַט דער פֿאָרם און אָן שום צערעמאָניעס. דער גאָלד־גרוב פֿאַר זיי זענען די פֿאַרשידענע שפּייז־אונטערנעמונגען.

אויך דער קאַטוילישער קלער האָט, קעמפֿנדיק פֿאַר אויפֿהאַלטן זיינע פּאָזיציעס, זיך געריכטעט מיט עקאָנאָמישע אינטערעסן. דאָס אָפּטיילן דעם קלויסטער פֿון דער מדינה אין פֿראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער האָט רעוואָלוציאָניזירט די אינערלעכע באַציאונגען.

אסתּר איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ טרוימערישן צושטאַנד. זי איז געבליבן שטיין פֿאַרטראַכט און איז עטוואָס בלאַס געוואָרן. איך האָב אָנגעהויבן רעציטירן דעם „אני מאַמין". אסתּר האָט צוגעלענט די אויגן. די פֿאַרשאַרפֿטע

שטריכן פון איר שיינעם פנים האָבן געמאַכט דעם איינ־דרוק ווי זי וואָלט געווען ערגעץ ווייט. זי האָט זיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף, זיך אויסגעצויגן ווי אין פוילקייט. זי האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט זיך מיט עפּעס געראַנגלט. ענדלעך האָט זי זיך אַ ריר געטאָן לעבהאַפּטיקער, ראַזע פלעקן האָבן זיך באַוויזן אויף אירע בעקלעך.

— גוט, גוט, האָט זי געזאָגט מיט אַ שוואַכן קול, מ׳דאַרף פאַרענדיקן, דו ביסט שוין אַן אמתדיקע יידישקע.

זי איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, זיך פאַריכט די האָר און זאָרגפעליק זיך צוגעקוקט צום געזיכט. אַ נישט צו־פרידענע מיט עפּעס, האָט זי אַרויסגעצויגן דאָס שופ־לאָדל. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אָנגעהויבן שרייבן. איך האָב אַריבערגעקוקט איבערן אַרעם. זי האָט געשריבן מיט אַ ווײַבלעכער, דראָבנער און קיילעכיקער שריפט.

זי האָט דערלאַנגט דאָס אָנגעשריבענע צעטל אין אַ נישט פאַרקלעפּטן קאָנווערט.

— איצט לויף גיך אין ראַבינאַט. זיי וועלן דיר באַשטימען אַ מקווה און דו וועסט זיין אַ זויבערע, כשרע יידישקע.

זי האָט מיך געזעגנט אָפיציעל, אַזוי האָט עס מיר יעדנפאַלס אויסגעזען. אפשר האָב איך זיך טועה געווען.

אין אויטאָבוס האָב איך מיר פאַרנומען אַ באַקוועמען פּלאַץ. דאָך האָב איך פאַר זיך גאָרנישט געזען, איך האָב זיך נישט אַרומגעקוקט נישט אויף לינקס און נישט אויף רעכטס. דאָס איינציקע וואָס האָט מיך אבסאָרבירט און באַשעפטיקט — וואָס קומט איצט, וואָס דערוואַרט מיך

ווייטער. פאַרוואָס דאַרף איך ווערן זויבער, צי טאַקע נאָר די מקווה כשרט און רייניקט דעם מענטשן?

איך האָב זיך ווידער דערמאָנט אין ווין, דאָס פלעצל „היאס". איצט האָב איך בעסער פאַרשטאַנען דעם אומ־ווילן פון דער יוגנט צו עמיגרירן קיין ישראל. זיי האָבן זיך בעסער פון מיר אָריענטירט אין די באַציאונגען צווישן ראַבינאַט און דער מדינה... דערווייל בין איך אויף אַ גוטן וועג. איך האָב שוין פּאַקטיש אַלץ הינטער זיך — מיכאל, מיכאל, — האָב איך מיר געטראַכט, אים האָט נאָך עפּעס דערוואַרט, און אויב זיי וועלן אים אַטאַ־קירן, וועט צו אונדזער חתונה נישט דערגיין. וואָס דעמאָלט? איך וועל זיין אַ „ריינע", אַ כשרע און אַן אַלצווייסנדיקע. און ער, אויב עס זאָל זיך עפּעס טרעפן, איז גרייט אַוועקצופאָרן.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט, כ'האָב פאַרזען איין סטאַ־ציע. איך קער זיך צוריק כמעט לויפנדיק. דער סעקרע־טאַר איז נישטאָ, ער איז ערגעצוו אַרויסגעגאַנגען. איך שפּאַן אַרום נערוועז הין און צוריק. איך צי צו זיך צו אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. ענדלעך זע איך אים. ער קומט אָן מיט ברייטע טריט. איך גיי אַריין נאָך אים. דער קאַפּעלוש איז געווען ביי אים אַנגערוקט אויף די אויגן, ער האָט נישט געהערט מיינע טריט. איך הוסט אָפּ און ער דרייט זיך אויס צו מיר. ער צווינגט אַרויס פון זיך אַ שמייכל. קוקט איבער דאָס צעטעלע און שאָקלט צו מיטן קאָפּ, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג.

— גיט מיר, ביטע, אַ קוויטל און דעם אַדרעס פון דער מקווה. איך וועל גיין גלייך, שוין איצט, ווייל איך איל זיך זייער.

— סבלנות, מײַן טײַערע. די זאַך איז נישט אַזוי פּשוט. איך מוז צופּאַסן די דאַטע, די שעה — אַרויסלויפנדיק פון צימער האָט ער מיר פלינק אונטערגערוקט מיטן פוס אַ שטול.

אויפן טיש איז געלעגן אַ צײַטונג. איך האָב זי גענומען אין האַנט, אָבער עס האָט זיך מיר נישט געלײַענט. נאָך עטלעכע מינוטן האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דער אלף־בית איז אַ העברעאישער און די ווערטער און זאַצן זענען אויף יידיש. איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. יעדע ווײַלע האָט עמעץ אַרײַנגעקוקט. די פּאַפּירן זענען געפלויגן איבערן צימער. איך האָב צוגעמאַכט דאָס פענצטער. ווען דער סעקרעטאַר איז אַרײַנגעקומען, בין איך געשטאַנען אַן איבערגעבויגענע און האָב צונויפגענומען די קאָרעספּאָנדענץ.

ער האָט געדאַנקט. ער האָט מיר אַרײַנגערוקט אַ פּאַפּירל אין האַנט. — דאָ האָסטו דעם אַדרעס פון דער מקווה און די צײַט פון דעם צערעמאָניאַל, דעם „טקס”.

ער האָט זיך אויפגעפירט אויסטערליש. אַלעמאָל איז ער געווען צוגעלאָזן און באַרעדעוודיק. איצט האָט ער זיך געהאַלטן שטײַף און אָפיציעל. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט רחמנות. איך האָב אים העפלעך געזאָגט — שלום. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. עס האָט מיר אויסגעזען אַז ער וויל עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט פאַרקלעמט די ליפּן. ער האָט נאָכאַמאָל געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף געזעגענונג.

אויפן וועג האָב איך אָפּגעטראָטן אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס. אין פאָדערצימער האָט מיך אָנגעטראָפן אַן עלטערע פרוי אין אַ ווײַסן קיטל. עס האָט געשמעקט

מיט פאַרע פון דער באָד. איך האָב זיך געוואָנדן צו איר און געפרעגט ווען מ׳קאָן זיך אויסבאָדן אין דער מקווה.

— אַ גאַנצן טאָג — האָט זי געענטפערט. איך האָב געהאַלטן דאָס צעטעלע צווישן די פינגער און כ׳האָב נישט געוווּסט ווי אַזוי צו האַנדלען. ענדלעך האָב איך אַרויסגעמורמלט:

— צי קען איך זיך איצט אויסבאָדן?

— פאַרוואָס נישט? מ׳באַצאָלט, און — אין דער מקווה אַריין.

— צי וועל איך באַקומען אַ צעטל אַז איך בין געווען און אַז כ׳האָב זיך געבאָדן?

— דאָס איז אָפּהענגיק. אויב צו דער חתונה, דאַרף מען האָבן אַ קוויטל פון רבנות, און אויב סתם אַזוי, דאַרף מען גאָרנישט.

— איך האָב אַן אויסגעשטעלטע דאַטע און שעה.

— אהאַ... — זי האָט מיך אויסטערליש אָנגעקוקט, מיך אָפּגעמאָסטן מיטן בליק. — איך פאַרשטיי — האָט זי געזאָגט. איך מיש זיך נישט צו די דאָזיקע זאַכן. זיי ווייסן וואָס זיי טוען. איך דאַרף נאָר אַכטונג געבן אויף דער ריינקייט און אָרדענונג. מענער גייען אַריין צו די מענער, פרויען צו די פרויען. אָבער אין ספּעציעלע פאַלן... — איך מיש זיך נישט. מיין קאָפּ איז מיר נישט צו דעם. — זיי ווייסן בעסער, זיי שטייען נאָענטער צו גאָט.

אַכט טעג שפּעטער בין איך געקומען אין דער מקווה. די באַקאַנטע רוימערין איז געווען זאָרגפעליק אָנגעטאָן, דער ווייסער פאַרטוך האָט געשמעקט מיט פרישקייט. מיט אַ מילדער באַוועגונג פון דער האַנט האָט זי מיר

געהייסן צוואָרטן אין זייטיקן קאָרידאָר. איך האָב זיך אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק. די צייט האָט זיך געצויגן. איך האָב געהאַט מיט זיך אַ צייטונג אין עברית, פאַר אָנפאַנגער, כ׳האָב אָנגעהויבן לייענען אויפן הילכן קול. עס איז אַריינגעקומען די באַדינערין, האָט מיך געהייסן זיך אויסטאָן. איך האָב אַרויפגעצויגן אויף זיך מיין באָד־קאָסטיום. „אינטערעסאַנט צי מ׳קאָן זיך אַביסל אַדורכשווימען אין דער מקווה״ — האָב איך זיך געטראַכט. — ניין, ניין, וואָסט טוסטו! — האָט אויסגעשריען די בעדערין, און ווי זי וואָלט אַרויסגעלייענט מיינע געדאַנקען, האָט זי צוגעגעבן: — דאָ איז נישט קיין שווים־באַסיין און נישט קיין פּלאַזשע! נאַדיר אַ העמד.

איך האָב אויפגעהערט זיך צו וווּנדערן. פאַר די צייטן פון תנ״ך האָט מען קענטיק זיך געבאָדן אין העמדער...

נאָך אַ ווײַלע האָט זי מיר געגעבן אַ צייכן, און איך בין איר נאָכגעגאַנגען אין באָד־צימער אַריין. אין דער מיט פון צימער אַ קליינער מיני־באַסיין, אויסגעלייגט מיט ווייסע פּלאַטן. שטיגלעך האָבן אַראָפּגעפירט אונטן, דאָס וואַסער דורכזיכטיק, איך האָב זיך געזען ווי אין אַ שפּיגל. די בעדערין האָט מיט אַ ווונק מיר געהייסן אַריינגיין אינעווייניק און האָט צוגעלענט די טיר. איך האָב געפילט אַז זי אַבסערווירט מיך. איך האָב זיך פאַרטראַכט ווי אַזוי אַריינצוגיין אין וואַסער מיטן העמד. אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּלעך האָב איך עס אַלץ מער און מער אויפגעהויבן, ווייל עס האָט מיר געשטערט. צום סוף האָב איך פאַרוויקלט דאָס העמד אונטערן אָרעם און איך בין פּאַמעלעך אַראָפּ פון די טרעפּ. איך האָב

בולט געהערט, אַז די דאָזיקע נייגעריקע פרוי שטייט הינטער דער טיר און אָבסערווירט מיך. איך קוק זיך נישט אום, אָבער איך הער קלאָר איר אָטעמען און סאַפּען... ענדלעך בין איך געשטאַנען מיט די פיס אויפן גרונט. איך ווייס נישט וואָס צו טאָן מיטן העמד. עס שווימט אויף דער אויבערפלאַך.

פּלוצלונג הער איך אַ געדיכט כראַקען און שווערע טריט פון עטלעכע מענטשן. איך האָב זיך אויסגעדרייט אַן איבעראַשטע. פאַר מיר זענען געשטאַנען די דריי רבנים פון דער ערשטער זיצונג פון בית הדין. אַ הייסע כוואַליע האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ... איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן אימהדיקן געשריי און זיך אַרונ־טערגעלאָזט אינגאַנצן אונטערן וואַסער. איך האָב אַנגע־נומען פולע לונגען מיט וואַסער, דאַן אַרויסגערוקט דעם קאָפּ, זיך פאַרהוסט און ספּאַזמאַטיש געפּרוווט אַריינ־אָטעמען לופט אין זיך. איך האָב געפילט, אַז איך שטיק זיך, אַז עס ווערט מיר נישט גוט. עס זענען דערגאַנ־גען צו מיר פאַרשידענע קלאַנגען, ווי פון גאָר ווייט. די געשטאַלטן פון די רבנים האָבן מיר געשווינדלט און געווירבלט אין די אויגן. זיי האָבן מיך וועגן עפּעס אויסגעפרעגט, מיך עקזאַמינירט. איך האָב געשריען יאָ, ניין, געשטאַמלט עפּעס אַן באַוווסטזיין. יעדע ווײַלע האָב איך באַהאַלטן דעם קאָפּ אונטערן וואַסער, געשלעפּט צו זיך דאָס שווימענדיקע העמד. זיי זענען אָבער נישט אָפּגעטראָטן...

* * *

— נישט מעגלעך, איך גלויב נישט! — האָט געשריען

גדליה, דער משגיח איבער דעם כשרות אין אולפן און האָט געפּאַכעט מיט זיינע לאַנגע הענט. — איך גלויב נישט! איך גלויב נישט!

רחובות, 25 אויגוסט 1969.

וולאַדיסלאַוו באַנק

דפוס ישראל בע"מ תל־אביב, טל. 441204